STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04934

DER BLINDER MUZIKANT

Vladimir Galaktionovich Korolenko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
בלינדער מוזיקאנט

פון

ו. קאראלענקא

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. C. R.

פערלאג „פראגרעסס" ווארשא
דרוק א. גלינקא גענשע שטר. 20 №
תרס"א

ДЕРЪ БЛИНДЕРЪ МУЗЫКАНТЪ

т. е. Слѣпой Музыкантъ

соч. В. Короленко

Типо-лит. Арона Глинки, Гусья ул. № 20
ВАРШАВА 1901.

Дозволено Цензурою
Варшава 17 Января 1901 года.

ערשטער טהייל.

I.

וואס פעהלט איהם?

דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען אין אַ רייכע פֿאַמיליע פֿון זיד-וועסט רוסלאַנד אַרום צוועלף אַ זייגער אין אַ טויט-שטיללע נאַכט. די יונגע מוטטער איז געלעגען, ניט שלאָפֿענדיג, מעהר אויף יענער ווי אויף דער וועלט, אָבער ווען דער ערשטער געשריי פֿון דעם אָקאָרשט געבאָרענעם קינד האָט זיך דערהערט איבערן צימער, — אַ געשריי, וועלכער איז געווען ניט הויך, אָבער קלאָגליך, האָט זי, די מוטטער זיך אַ קעהר געטאָן אין בעט, ניט עפֿענענדיג די אויגען. איהרע ליפפען האָבען עטוואָס געבורבעלט און אויף איהר בלייכען פנים, מיט ווייכע צערטליכע, כמעט נאָך קינדערשע געזיכטס-ציגע האָט זיך בעוויעזען אַ גרימאַסע פֿון אונגעדולדיגע ליידען, אַ שטייגער ווי ביי אַ צולאָזענעם קינד, ווען איהם פּאַסירט אַן אונגעוועהנליכע צרה.

די אַקושערקע האָט צוגעלייגט אַן אויער צו די יונגע פֿרוי'ס ליפפען.

— „ווארום? ווארום עפּיס..." האָט זי קוים וואָס אויסגירעדט.

די אַקושערקע האָט איהר פֿראַגע ניט פֿערשטאַנען. אינצווישען האָט דאָס קינד ווידער אָנגעפֿאַנגען צו וויינען, און איבער די קראַנקעס געזיכט האָט זיך בעוויעזען אַ'ן אויסדרוק פֿון זעהר אַ שאַרפֿען

שמערץ. פֿון די פֿערמאַכטע אויגען איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער טרער.

„ווארום,“ ווארום?“ האָט זי פֿון דאָס נייע אַ בורבעל געטאָן

דיזעס מאָל האָט די אַקושערקע ענדליך פֿערשטאַנען די פֿראַגע און האָט געלאַסען געזאָגט:

— „איהר פֿרעגט ווארום דאָס קינד וויינט? דאָס איז אימער אַזוי; בערוהיגט זיך“.

אויף די מוטטער אָבער האָבען די אַקושערקעס רייד ווייניג געווירקט. יעדעס מאָל, ווען דאָס קינד האָט פֿון דאָס נייע אַ געשריי געטאָן האָט זי זיך אַ טרייסעל גיגעבען, און מיט אַ כעס פֿון אונגעדולד האָט זי אימער וויעדערהאָלט:

„ווארום . . . אַזוי . . . אַזוי שרעקליך?“

די אַקושערקע, ניט געפֿינענדיג קיין שום אויסערגעוואוינליכע זאַך אין דעם קינדס געשריי, האָט איינפֿאַך ביי זיך בעשלאָסען, אַז די מוטטער רעט געוויס פֿון היץ. זי האָט זיך פֿון איהר אָבגעקעהרט און האָט זיך גענומען בעשעפֿטיגען אַרום דעם קינד.

יענע, די יונגע מוטטער, איז שטיל געוואָרען. אַללע ווילע האָט איהר פֿון דעסטוועגען ערגריפֿען אַ דריקענדער שמערץ, וועלכער האָט זיך ניט אַרויסגעוויזען ניט אין ווערטער און ניט אין ערגיץ-אַ-בעוועגונג, אָבער דורך שטומע טרערין. זיי האָבען זיך דורך געשלאָגען דורך איהרע געדיכטע שוואַרצע ברעמען, זיך אַרונטער-גליצענדיג אויף די קליינע מאַרמאָר-ווייסע באַקען.

עס איז מעגליך, אַז די מוטטער׳ס הערץ האָט עפּיס געפֿיהלט, אַז צוזאַמען מיט דעם נייגעבאָרענעם קינד איז אויף דער וועלט אָנגעקומען אַ פֿינסטערע, אונענדליכע צרה, זיך פֿערציהענדיג איבערן וויגעלע, — אַ צרה, וועלכע האָט געזאָלט בעגלייטען דאָס נייע בעשעפֿעניש ביז צום סאַמע קבר. פֿיעללייכט האָט זי, דאַגעגען, איינפֿאַך גערעט פֿון היץ. יעדענפֿאַללס איז דאָס זיכער: דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען בלינד.

II.

„איך האב עס געוואוסט".

אין אנהייב האט עס קיינער ניט באמערקט. דעם אינגעלעס בליק איז געווען דונקעל און אונבעשטיממט ווי ביי אללע קינדער ביז א געוויסע צייט. א טאג נאך א טאג איז פערגאנגען; דעם נייעם מענשענס עלטער האט זיך שוין געציילט אויף וואכען. זיינע אויגען האבען זיך גיקלערט און האבען אנגענומען א געוואוינליכע געשטאלט. אבער דאס קינד האט ניט געדרייט די קעפעלע צו דעם ליכטשטראהל דער זון, וועלכע האט בעזוכט דאס צימער צוזאממען מיט דעם לוסטיגען געפיפץ פון די פייגעלעך, און מיט דעם רויש פון די בלעטער אויף די ביימער לעבען די סאמע פענסטער. די מוטטער, וועלכע האט זיך דערווייל עטוואס פערבעסערט, האט די ערשטע בעמערקט אז דאס קינד האט עפיס א מין אונבעוועגליכקייט אין פנים און אז ער איז ערנסטער ווי א געוואוינליכער אינגעל.

זי האט אנגעזעהען די ארומיגע מענשען, ווי א דערשראקענע ווילדע טויב, און האט געפרעגט:

„זאגט מיר, ווארום איז ער אזוי?..."

— „ווי זאל ער זיין? האבען איהר די זייטיגע מענשען קאלט-בלוטיג איבער געפרעגט, צולייגענדיג: — ער איז א קינד ווי אללע קינדער פון זיין עלטער".

„בעטראכט נור, ווי שרעקליך ער זוכט עטוואס מיט די הענד..."

— „א קינד ווי ער קאן נאך ניט באוועגען זיינע הענד נאך די פערשיעדענע איינדריקע נאך, וועלכע די ארומיגע זאכען מאכען אויף זיינע אויגען", — האט דער דאקטאר באמערקט.

די מוטטער אבער האט נור געטענה'ט דאס איהריגע:

„ווארום בליקט ער אימער אין איין איינציגע ריכטונג?...

ער... ער איז בלינד!" די לעצטע ווערטער, — א שרעקליכע ארט פון פרובירען טרעפען — האבען זיך ארויסגעריסען פון די יונגע מוטטערס הערץ און קיינער האט איהר ניט געקאנט בערוהיגען.

דער דאָקטאָר האָט דעם אינגעלע אַריינגענומען אין די הענד, און איהם האַסטיג אומקעהרענדיג צום ליכט, האָט ער איהם אַריינגעבליקט אין די אויגען. דער מאַן איז עטוואָס צוטומעלט געוואָרען, האָט געזאָגט עטוואָס אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין און איז אַוועקגעפאָהרען, מיט דעם צוזאָג, צוריקצוקומען אין צוויי טעג צייט.

ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגעל האָט זיך די אָרימע מוטטער געוואָרפען און געוויינט, צוטולענענדיג דאָס קינד צו דער ברוסט וועהרענד זיינע אויגעלעך האָבען ווי פריהער געהאַט דעם אונבעוועגליכען אומעדיגען בליק.

אין צוויי טעג אַרום איז דער דאָקטאָר ווירקליך צוריקגעקוממען און האָט מיטגעבראַכט אַ אָפּטאַלמאָסקאָפּ. ער האָט אָנגעצונדען אַ ליכטעל, האָט איהר צוגעטראָגען נאָהענט צום קינד'ס אויג, דאַן האָט ער די פלאַם ווידער אָבגעצויגען און האָט ענדליך געזאָגט, ריידענדיג מיט אַ טרויריגען טאָן:

— „מאַדאַם, איר האָט זיך לייַדער ניט געאיררט... דער יונגע איז ווירקליך בלינד און דערצו נאָך אונהיילבאַר..."

דיזע נאַכריכט האָט זי אויסגעהערט מיט אַ צובראָכענעם הערצען אָבער כמעט אונבעוועגט.

„איך האָב עס געוואוסט" — האָט זי שטיללערהייט געזאָגט.

III.

פעטער מאַקסים.

די פאַמיליע, אין וועלכער דער בלינדער אינגעל איז געבאָרען געוואָרען, איז ניט געווען קיין גרויסע. אויסער די פערזאָנען, מיט וועלכע דער לעזער איז שוין בעקאַנט, איז אין די הויזגעזינד געווען דעם אינגעלע'ס פאָטער און אויך פעטער מאַקסים, ווי יעדער איינציגער אין הויז און זאָגאַר פיעלע פרעמדע האָבען איהם גערופען. דער פאָטער איז געווען אַ געוואוינליכער גוט'ס-בעזיטצער (פּאָמיעשטשיק) פון וואָלין; אַ גוט-מיטהיגער, זאָגאַר אַ גוטער מענש, וועלכער האָט

אויפֿגעפּאַסט אויף „זיינע" אַרבייטער און האָט נאָכאַנאַנד געבויט און איבערגעבויט מיהלען. דיזע בעשעפֿטיגונג האָט פֿערנומען ביי איהם די גאַנצע צייט און זיין שטימונג פֿלעגט זיך אין דער פֿאַמיליע נור הערען אין צייט פֿון עסען, אָדער ביי אַנדערע אַזעלכע געלעגענהייטען. אויך דאַן פֿלעגט ער נור זיך ווענדען צו דער פֿרויא, פֿלעגט אָבזאָגען דעם פּסוק: „ביזטו געזונד, מיין טייבעלע?" און פֿלעגט דאַן ביין טיש שוין מעהר ניט ריידען, סיידען אפשר אַ מאָל אום צו דערציילען וועגען אַ נייעם ראָד אין מיהל, אָדער אַנאַנדער אינטערעסאַנטע זאַך פֿון דעם זעלבען גאַטונג.

עס איז לייכט צו פֿערשטיין, אַז זיין רוהיגער לעבען האָט זיך ווייניג-וואָס אָבגעשפּיגעלט אויף די גייסטיגע ענטוויקלונג פֿון זיין זוהן.

דאַגעגען איז פֿעטער מאַקסים געווען כמעט אַ אינטערעסאַנטע פּערזאָן. מיט צעהן יאָהר פֿריהער ווי די געשיכטע, וועלכע ווערט דאָ בעשריבען, האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, איז דער פֿעטער געווען בעקאַנט פֿאַר אַ געפֿעהרליכען דועליסט ניט נור אין די אַרומיגע געגענדען, נור זאָגאַר אין קיעוו, וואָהין ער פֿלעגט אַללע יאָהר פֿאָהרען, אויף די „קאָנטראַקטען" ווי מען רופֿט דעם בעריהמטען קיעווער יאָהר-מאַרק. מענשען האָבען זיך געוואונדערט ווי אַזוי עס האָט זיך געקאָנט איינגעבען אַזאַ שרעקליכער ברודער אין פּאַננאַ פּאָפּעלסקי׳ס (אַ געבאָרענע יאַצענקאָ׳ס) עהרענווירדיגע משפּחה. קיינער האָט ניט געוואוסט ווי מיט איהם צו ריידען און ווי אַזוי מי קאָן עס צוטרעפֿען. ער האָט עפּיס גאָר ניט געוואוסט פֿון קיין סדר-עולם. שטעלט זיך נור פֿאָר: אויף די איידעלקייטען פֿון רייכע פּריצים האָט ער נור געענטפֿערט מיט חוצפּה, וועהרענד פֿון דעם מוזשיק האָט ער אָראָבגעשלונגען אַזעלכע גראָבקייטען און פֿרייהייטען, פֿאַר וועלכע דער „געלאַסענסטער שליאַכטיטש" וואָלט געווים געגעבען פֿייערדיגע פּעטש.

דיעזער „ריינער סקאַנדאַל" האָט ענדליך גענומען אַ סוף און אַללע פֿיינע לייט האָבען אָבגעצייגען דעם אָטהעם. פֿעטער מאַקסים איז ברוגז געוואָרען אויף די עסטרייכער, וועלכע האָבען דאַמאָלס געוואַיעזשט איבער איטאַליען, און ער איז אַוועקגעפֿאָהרען אַהין אין

יענע מדינה. דארטען האט ער זיך בעהעפט מיט אנאנדער אפיקורס און „שלאגער" ווי ער אליין — צו גאריבאלדי — דעם מאן, וועלכער האט, אזוי פלעגען די פריצים דערציילען, געמאכט יד־אחת מיט'ן ניט־גוטען און האט זיך געשטעלט געגען דעם הייליגען רוימישען פאבסט אליין. ווי מע זעהט איז דעם פעטערס נשמה געווען פערלארען אויף אייביג, דאגעגען אבער איז מען דא פון איהם דערוויל פטור געווארען, און ווען די יונגע פריצים־לעך זיינען איצט געפאהרען אויף די „קאנטראקטען" האבען זייערע מאמעס שוין ניט אזוי געציטערט פאר דועללען.

צו פעטער מאקסים האט פערלארען זיין נשמה צו ניט, זיין גוף האט יעדענפאללס שטארק געליטען אין דער מלחמה, וואו די עסטרייכער האבען איהם צוקלאפט ווי א קעפעל קרויט, — ווי די פריצים האבען זיך אויסגעדריקט. ארויסקומענדיג פון לאזארעט, איז ער אוועקגעפאהרען און גאנץ אונערווארטעט געקומען א היים, נאכדעם ווי ער איז געווען אוועק אין דער פרעמד שיינע עטליכע יאהר און כמעט פערגעסען פאר טויט. געקומען איז ער צו זיין שוועסטער און ביי איהר איז ער געבליבען.

דועללען זיינען איהם שוין מעהר ניט געלעגען אין קאפ. זיין רעכטער פוס איז איהם געווען אין גאנצען אראבגעשניטען; ער האט געמוזט גיין מיט א קוליע און זיין לינקע האנד איז געווען אזוי שווער געשעדיגט, אז ער האט איהר נאר געקענט בענוטצען אום זיך אן צושפארען מיט איהר אויפ'ן שטעקען. ער איז איבערהויפט געווארען ערנסטער, געלאסענער און צייטענווייז פלעגט ער געברויכען דעם שארפען צונג דארטען, וואו עס פלעגט א מאל זיך ווייזען דער שווערד. ער האט אויך אויפגעהערט צו פאהרען אויף די „קאנטראקטען", צו קומען אין געזעלשאפט און האט די צייט פערבראכט אויף לעזען ביכער אין זיין אייגענע ביבליאטהעק. וואס פאר א ביכער דאס זיינען געווען — האט קיינער ניט געוואוסט; אבער מי האט גערעכענט, אז זיי מוזען זיין אפיקורסישע. געשריבען האט ער עפים אויך, נור דערפון האט מען ווייניג־וואס געהאלטען.

אין דער צייט, ווען אין פאפעלסקי'ס הויז האט זיך בעוויזען

און האט גענומען וואקסען דאס נייע בעשעפעניש, האבען פעטער מאקסים׳ס קורץ אבגעשארענע האאר שוין אנגעהויבען גרוי צו ווערען. פון דעם אנשפארען זיך נאכאנאנד אויף די קוליעס האבען זיינע שולטערן זיך אויסגעהויבען און דער טהייל פון קערפער, וועלכער געפינט זיך צווישען די האלז און די פיס, האט אנגענומען א פיער-עקיגע געשטאלט. זיין פנים, זיינע ברוגז׳דיגע ברעמען, דער קלאפ פון זיינע קוליעס, די וואלקענס פון טאבאק-רויך, וועלכע האבען איהם אימטער ארומגערינגעלט, וויל ער האט קיין מאל ניט ארויס געלאזען דעם טשיבוק פון מויל, — דאס אללעס האט אויף זייטיגע מענשען אנגעמאכט אן אימה. נור די, וואס האבען איהם געקענט, האבען געוואוסט, אז אין דעם אינוואליד׳ס פערקריפעלטען קערפער קלאפט א הייסע און גוטע הערץ; אז אין זיין פיערעקיגען קאפ, בעדעקט מיט דיקע, שטייפע, קורצע האאר, ארבעט אן אונרוהיגער טהעטיגער מוח.

אבער אפילו די נעהנסטע קרובים האבען ניט געוואוסט וואס פאר א וויכטיגע פראגע דארטען איז געווארען פערהאנדעלט, — איננע-וויניג אין פעטער׳ס מוח, בעת דער מאן איז זיך שטונדענלאנג געזעסען פערטראכט. „דער לעבען איז א קאמפף; האט א צוקאליעט-שעטער קעמפפער, אן אינוואליד דאס רעכט צו בלייבען אויפ׳ן פלאטץ?״ — דאס איז געווען די פראגע און פעטער מאקסים האט קא׳טבליטיג און אהן מורא געוואויגען אללע „דאפיר׳ס״ און „דאגעגענ׳ס״ ביז איהם איז אין זיננען אריינגעקוממען דאס קינד, וועלכעס איז א שטייגער שוין פון געבורט אן אינוואליד. די עהנליכקייט צווישען דעם קינד׳ס פינסטערן מזל און זיין אייגענעם האט זיך דאן איהם גע-נומען ווארפען אין די אויגען און האט איהם פעראינטערעסירט.

„הם... יא, יא!״ האט ער פערטראכטערהייט איינמאל צו זיך אלליין געזאגט. „דיעזער קליינער איז אויך א מין אינוואליד. ווען מע זאל אונז צונויפלייגען, וואלט אפשר פון אונז ביידען ארויסקומען איין שטיק מענש.

פון דאמאלס אן האט ער אלץ עפטער און עפטער באטראכט דעם בלינדען אינגעלע.

IV.

דער פעטער רעט אריין.

אלזא, דער אינגעלע איז געבארען געווארען בלינד. איז דארין ווער עס איז געוועזן שולדיג? קיינער ניט. דערביי איז ניט נור געוועזן אימעצענס „בייזער ווילען" עס איז אפילו דער גרונד גופא פון דיזען אונגליק געווען טיעף בעהאלטען אין די פערוויקעלטע געהיימניספאללע וועגען פון דער נאטור. און דאך האט די ארימע מוטטער געפיהלט א קלעמענים אין הערצין יעדעסמאל, ווען זי האט א בליק געטאן אויף איהר בלינדעס קינד. נאטירליך, זי, אלס מוטטער, האט איינפאך מיטגעפיהלט די טרויעריגע לאגע פון איהר זון און זיין שרעקליכע צוקונפט. אבער אויסער דיזע געפיהלע האט איהר גע־קוועלט דער געדאנק, אז אין זיין בלינדהייט מעגען זיין שולדיג די, וועלכע האבען איהם געבראכט אויף דער וועלט...

דאס איז געוועזן דער גרונד דערפון, וואס דער קליינער מענשעלע מיט זיינע שיינע, אבגלייך ניט־זעהענדע, אויגען, איז באלד געווארען אזוי פערצערטעלט און פערצויגען, אז ער האט אויסגעפיהרט אלץ וואס איהם האט זיך פערגלוסט און איז געווארען אין דער פאמיליע א קליינינקער דעספאט.

עס איז שווער צו זאגען וואס דערפון וואלט מיט דער צייט געווארען, — ווי עס וואלט אויסגעוואקסען א קינד, אי פערביטערט קעגען אללעס דורך זיין אונגליק, אי פערדארבען דורך די „גוטהערציג־קייט" פון אללע ארומיגע, וועלכע האבען אין איהם מיט איין ווארט געהאדעוועט דעם עגאאיזמוס, ווען דער שלים־מזל און די עסטרייכישע שווערדען וואלטען ניט געצוואונגען דעם פעטער מאקסים גראדע צו יענער צייט זיך צו באזעצען אין דארף אין זיין שוועסטערס הויז.

דעם בלינדען אינגעלס לאגע האט דעם פעטערס טהאטיגען מוח געגעבען א געוויסע בעשעפטיגונג. ווי פריהער, איז ער נאך אימער שטונדען לאנג אבגעזעסען מיט דער פיפקע אין מויל, אבער שוין ניט מעהר פערטראכט „אזוי גלאט אין דער וועלט אריין", מיט א היילען אונבעשטימטען, ווען אויך טיעפען, שמערץ אין פנים. ער האט ניט

מעהר, וואָס מע רופט, געחלומט, ווי פריהער; ער האָט בעאָבאַכטעט און נאָכגעדראַכט. און וואָס מעהר ער האָט בעטראַכט דאָס קינד האָבען זיך זיינע דיקע ברעמען אַלץ מעהר געכמורעט און ער האָט אַלץ שטאַרקער און ענערגישער געריכערט. ענדליך האָט ער בייזיך בעשלאָסען זיך אַריין צו מישען.

„דיעזער קליינער — האָט ער אין אַ געוויסען טאָג געזאָגט צו זיין שוועסטער, אַרויסלאָזענדיג איין רינג פון רויך נאָך דעם אנדערן, — וועט זיין נאָך אונגליקליכער פאַר מיר. בעסער וואָלט ער ניט געבאָרען געוואָרען".

מאַדאַם פאָפעלסקי האָט אַראָבגעלאָזען די קאָפ און אויף די אַרבייט אין איהרע הענד איז אַרונטער געפאַללען אַ טרער.

— „מאַקס, דו האָסט געדאַרפט האָבען מעהר געפיהל... מיר דאָס דערמאַנען און אָהן אַ צוועק!.. — האָט זי געענטפערט ריידענדיג זייער שטיל.

„איך זאָג אָבער די וואָרהייט — האָט מאַקסים ערוויעדערט — מיר פעהלט אַ האַנד און אַ פוס, אָבער איך האָב אויגען. דער קליינער האָט ניט קיין אויגען און מיט דער צייט וועט ער אויך קיין הענד און פים ניט האָבען, אפילו קיין ווילל ען ניט.

— „וואָרום?"

דער פעטער איז געוואָרען ווייכער.

„פערשטיי מיך ריכטיג, אַננא, האָט ער געזאָגט, איך רייד מיט דיר ניט אויף דיעזע אַרט אַזוי גלאַט, אָהן אַ צוועק. דאָס קינד, זעהסטו, האָט אַ פיינעם נערווען-סיסטעם. פאָרלויפיג האָט ער נאָך די מעגליכקייט אַזוי וויט אויסצובילדען אַללע איבריגע פעהיגקייטען און זיינע אַנדערע פיער חושים, אַז דאָס זאָלל איהם ווייניגסטענס עטוואָס געבען אַן ערזאַץ דערפאַר וואָס ער קאָן ניט זעהן. דערצו אָבער איז נייטיג אַז ער זאָלל זיך אָנשטריינגען, אַז ער זאָל זיך איבען, און דיעזעס וועט ער נור דאַן טאָן ווען ער וועט דערצו זיין געצוואונגען. נון קומט איהר מיט אייער אַלעמענס דומע גוטסקייט און דערלאַנגט איהם אַלץ און פערזאָרגט איהם מיט אַלץ, און אַזוי ווי ער דאַרף זיך ניט ריהרען און ניט בעוועגען צוליעב קיין זאַך אין

דער וועלט, ווערט ער איינפאך אונפעהיג צו ווערען ווען עס איז א מענש״ . . .

מאדאם פאפעלסקי איז געוועזן א קלוגע פרוי. עס איז אויף איהר געפאלען שווער, זעהר שווער, אבער זי האט ענדליך ביי זיך געפועל'ט וואס ווייניגער און ווייניגער צו פאדענען ארום דעם קינד און איהם אלץ מעהר און מעהר צו לאזען זיך אליין העלפען. און ווען איניגע חדשים זיינען אויף דעם איפן געוועזן פערגאנגען איז דער אינגעל שוין פריי און פלינק ארום געקראכען איבער די צימערן, געניי אויס-האָרכענדיג יעדען לויט, יעדע שטימע, און מיט א לעבעדיגקייט, וועלכע איהר קאנט ניט טרעפען אין אנדערע קינדער, ארומטאפענדיג יעדען געגענשטאנד, וואס איז אריין געקומען אין זיינע הענד.

V.

ער זעהט מיט'ן גיהער.

ער האט זיך באלד אויסגעלערנט צו דערקענען די מוטטער נאך איהר גאנג, נאך דעם שטיללען גערויש פון איהר קלייד און נאך אנדערע אזעלכע סימנים, וועלכע קיין שום אנדער קינד וואלט ניט בעמערקט. וויפיעל מענשען עס זאללען ניט זיין אין צימער, ווי זיי זאללען זיך ניט האבען איבערגעזעצט פון איין ארט אויף דעם אנדערן, האט ער אימער ריכטיג געטראפען צו דער מוטטער. ווען זי האט איהם אמאל פלוצלינג ארויפגעהאפט אויף די הענד, האט ער אויגענ-בליקליך פארשטאנען ביי ועמען ער איז. האבען איהם אבער פרעמדע גענומען אויף די הענד, האט ער זיך גלייך מיט די פינגערלעך אלאז גענומען צו זייערע געזיכטער און האט דאן געוואוסט צו ער איז ביין פעטער, ביי דער ניאניקע אדער ביין פאטער, דאגעגען, ווען א פרעמדער האט איהם גענומען, זיינען די בעוועגונגען פון זיינע הענטליך שוין געוועזן לאנגזאמער, פארזיכטיג און אויפמערקזאם האט ער ארום געטאפט דאס אונבעקאנטע געזיכט, וועהרענד זיין אייגענער פנים האט אויסגעדריקט דאס וואס מע זעהט ביי איינעם וועלכער

מאטערט זיך צו טרעפען א שווערע רעטעניש, פאר זיינע אויגען. דאס קינד האט זיך אזוי ווי „איינגעקוקט” מיט זיינע פינגער.

ער איז פון דער נאטור געווען זעהר לעבהאפט, פלינק און בעוועג-ליך. אבער ווי עס איז פערגאנגען איין מאנאט נאך דעם אנדערן האט די בלינדהייט אליך מעהר און מעהר זיך אבגערופען, האט אליך שווערער און טיעפער איהר שטעמפעל ארויף געדריקט אויף זיין טעמפעראמענט, וועלכער האט שוין אנגעפאנגען אנצונעהמען א בעשטימטערן כאראק-טער. זיין לעבהאפטיגקייט האט אנגעהויבען זיך צו פערליערען; ער האט זיך גענומען פערדרוקען אין ווינקעלעך, דארטען אבזיצען גאנצע שטונדען און עפים אזוי ווי הארכען. ווען אין צימער פלעגט ווערען שטילל און קיין נייער איינדרוק האט ניט בעריהרט זיין אויער, פלעגט דאס קינד אויסזעהן אזוי ווי פערטראכט, אזוי ווי ער וואלט זיך מאטערן עטוואס צו פערשטעהן. מיט א מין פערוואונדערונג אויף זיין שיינעם געזיכט, וועלכעס איז געווען צו ערנסט פאר זיין עלטער.

פעטער מאקסים׳ס רעכענונג האט זיך ארויסגעשטעלט ריכטיג. דאס קינד האט ווירקליך מיט דער צייט גענומען ערגענצען זיינע אויפפאסונג און זיין בעגריף וועגען אללע ארומיגע זאכען דורך די אנדערע חושים אויף אזוי פיעל ווי פיעל ער האט ניט געקענט דער-לאנגען מיט׳ן אויג. אללעמען האט ערשטוינט די קונציגע געשיקטקייט מיט וועלכע ער האט געגענשטענדע בעטאפט מיט די פינגער. צייטענווייז האט זיך זאגאר געדאכט, אז ער אונטערשיידעט פארבען, ווייל יעדעס מאל ווען עס איז אריינגעקומען אין זיינע הענד א בעמאלטע שטיקעל פאפיר האט זיך זיין פינגערל לייכטער אויפ-געהאלטען דארויף און אן אויסדרוק פון פערוואונדערטע בעטראכטונג האט זיך אבגעשפיגעלט אויף זיין קינדישען פנים. אבער וואס עלטער ער איז געווארען האט זיך אימער דייטליכער און דייטליכער ארויס-געשטעלט, אז מעהר ווי אליך ארבעט זיין **אויער** און אז זיין **געהער** העלפט איהם מעהר ווי אליך אין בעטראכטען זאכען און זיי פערשטיין.

נאך דעם סקריפ פון די פאדלאגע, נאך דעם אבהילך פון טריט האט ער דערקענט די פערשיעדענע צימערן, דעם גאנג פון

די מענשען, דעם שטול, אויף וועלכֿען דער פֿעטער איז געזעסען (אויך נאָך זיין סקריפּ נאָך), דעם שטיללען, כמעט אונבעמערקבאַרען ציעה פֿון פֿאָדים אין די מוטטער׳ס הענד, דעם גלייכֿמעסיגען טיק-טיק פֿון דער וואַנדאוהר. צייטענווייז, קריכֿענדיג פֿאַרביי׳ן וואַנד, האָט ער זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו אַ לייכֿטען גערויש, וועלכֿען קיינער, חוץ איהם, האָט ניט געהערט און דאַן, אויפֿהויבענדיג די האַנד, האָט ער זיך לאַנגזאַם נאָכגעשלעפּט נאָך דיעזעם גערויש: ער האָט געהערט אַ פֿליעג גייענדיג אויף דער טאַפּעטע, (אויף דעם פֿאַרב-פּאַפּיער) אויפֿען וואַנד. ווען די ערשראָקענע פֿליעג איז אַוועק-געפֿלויגען איז ער, אין אַזעלכֿע פֿעלע, געבליעבען שטיין אַ פֿער-וואונדערטער ניט קענענדיג פֿערשטיין וואו די פֿליעג איז אַהינגעקומען. מיט דער צייט האָט ער פֿון דעסטוועגען זיך אויסגעלערנט צו פֿערשטיין דעם סוד דערפֿון אויך, און זיין קעפּיל פֿלעגט זיך אַ דריי טאָן צו דעם אָרט צו, וואַהין די פֿליעג פֿלעגט אַוועק-פֿליהען.

אָט אַזוי האָט אין זיין מוח זיך אָבגעשפּיגעלט יעדער שיין, יעדע בעוועגונג אַרום איהם נור אַלס לויט, נור אַלס אַ זאַך, וועלכֿע הערט זיך. זיין אונטערשטע ליפּ פֿלעגט זיך אַראָבציהען לאַנגזאַם, די ברעמען פֿלעגען זיך אַרוק טאָן, די גאַנצע קעפּיל זיינע פֿלעגט זיך אַזוי ווי אָבציעהען פֿאָראויס אויף דעם דינעם האַלז. דאַן האָבען די שיינע, מיט אַ וואָלקען פֿערצויגענע אויגען דעם פּנים זיינעם געגעבען אַ שטרייגנע אָבער ריהרענדע מיענע.

VI.

ער קען ניט פֿערשטיין.

דער צוויטער ווינטער אין דעם קינד׳ס לעבין האָט געהאַלטען ביין סוף. דרויסען איז שוין ביסלעכֿווייז דער שניי צוגאַנגען; דער רויש פֿון די קוואַלען האָט זיך שוין גענומען הערען און מיט דעם פֿריהלינג איז פֿאַר דעם קינד אויך געקומען אַ געזינטערע צייט, ווייל

דעם גאַנצען ווינטער האָט ער עטוואָס צוגעקריינקט, כמעט ניט אַרויסגייענדיג אויף די פֿרישע לופֿט.

איצט, ווען מע האָט אַרוים גענומען די דאָפּעלע פֿענסטער, האָט זיך דער פֿריהלינג אַריינגעריסען אין צימער מיט אַ פֿערדאָפּעלטע מאַכט, עס האָט שמייכלענדיג אַריינגעבליקט אין די צימערן די זון די, נאָך היילע, צווייגען פֿון די בוכהאָלץ-בוימער האָבען זיך לוסטיג געטרייסעלט; פֿון ווייטען האָבען זיך בעוויזען אָבגעלעבטע לאַנקעס, נאָך אימער ערטערווייז טראָגענדיג אויף זיך ווייסע פֿלעקען פֿון אַ שמעלצעדיגען שניי, אָבער ערטערווייז שוין אַרויסווייזענדיג די גרינע פֿאַרב פֿון אַ גאַנץ יונגען גראָז. אַללע האָבען אָבגעצויגען פֿרייער דעם אָטהעם און יעדער האָט אין זיך געפֿיהלט אַ צופֿלוס פֿון פֿרישע לעבענסקראַפֿט.

אָבער דער בלינדער איינגעלע האָט דאָס אַללעס נור געפֿיהלט ווי אַ מין לויט-וועכסעל: ער האָט עפּיס געהערט נייע שטימען, נייע גערוישע; דאָס רינען פֿון די וואַסער-קוואַלען, זיך רייסענדיג אַ שטראָם נאָך אַ שטראָם, זיך פּליושקענדיג אויף די שטיינער און זיך דורכברעכענדיג אַנ-אָרט אין דער ווייך-געוואָרענער ערד. דאַן האָט ער געהערט, ווי די צווייגען פֿון די בוימער הינטער'ן פֿענסטער האָבען זיך געשושקעט און אָנגעקלאַפּט אין די שויבען פֿון דעם פֿענסטער; אויסערדעם — דאָס טריפֿען פֿון דאַך, וואו די צערשמאָלצענע אייז פֿון דעם פֿערגאַנגענעם פֿריהמאָרגען, האָט איצט טראָפּענווייז זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד, קלאַפּענדיג מיט אַ רעגעלמעסיגען לויט אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען. פֿון דער הויך האָבען זיך געלאָזט הערען פֿייגעלעך, וועלכע האָבען זיך דורך געטראָגען אין דער לופֿטען און איהם איז פֿאָרגעקומען, אַז זיי ווערען עפּיס אַזוי ווי לאַנגזאָם צוגאַנגען אין דער הויך.

דאָס האָט איהם ווידער צוטומעלט דעם קליינעם מוח'ל. ער האָט אויס געשטעלט די קעפּיל, האָט געהאָרכט און האָט דאַן האַסטיג גענומען זוכען די מוטטער. אויף איהר האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן, פֿעסט זיך צודריקענדיג צו איהר ברוסט.

„וואָס איז מיט איהם?" האָט זי געפֿרעגט זיך זעלבסט און די אַנדערע.

דער פֿעטער האָט ניט געוואוסט וואָס דעם קינד בע-אונרוהיגט דאָ.

„ער . . . ער פֿערשטייט ניט!“ — האָט די מוטטער זיך אַ חאַפּ געטאָן, בעמערקענדיג אַ שרעקליכֿען פֿראַגע-צייכֿען אויף איהר קינד׳ס פּנים.

יאָ, ער האָט ניט פֿערשטאַנען, ווארום זיינען די בעקאַנטע ווינטער-לויטע מעהר ניטא און פֿון וואַנען קומען די נייע פֿריהלינגס שטיממען.

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE J. C. R. S.

VII.

נייע רעטעניסען*).

דער תוהו-ובוהו פֿון די ערשטע פֿריהלינג-טעג איז געווען איבער-געגאַנגען. די שטראַהלען פֿון די זון האָבען גענומען ווארעמען און דאַן האָט די נאַטור אַזוי ווי אויסגעטאָן די שווערע קליידער און האָט אָנגעהייבען ערנסט צו אַרבייטען, אָנגשטריינגענדיג מעהר און מעהר די כחות, אַ שטייגער ווי איין אייזענבאַהן-צוג, וועלכֿער איז אַרויס פֿון דער סטאַציאָן און הייבט אָן צו גיין ווי מע דאַרף. און נון האָבען אויף די לאָנקעס גענומען זוממען די יונגע גרעזעליך און די לופֿט איז ערפֿילט געוואָרען מיט דעם ריח פֿון די קנאָספען אויף די ביעריאָזעס.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען דעם אינגעלע אַרויסצופֿיהרען אויפֿ׳ן פֿעלד. צום ברעג פֿון אַ טייך נאָהנט דערביי. די מוטטער האָט איהם גענומען פֿאַר׳ן האַנד, דער פֿעטער מאַקסים איז נאָכֿגע-גאַנגען אויף זיינע קוליעס, און זיי אַללע האָבען זיך אַוועקגעלאָזען צום בערגעל ביין ברעג. דיעזער בערגעל איז איצט שוין געווען גענוג אויסגעטריקענט פֿון די זון און דעם ווינד, אום אַז מע זאָלל זיך קענען אויף איהם אַניעדערזעצען און, זיצענדיג אויף איהם, האָט מען געקענט זעהן ציעמליך ווייט אַרום און אַרום.

---

*) דיעזער קאַפּיטעל איז ביי אונז בעדייטענד פֿערקירצט.

דער העללער טאָג האָט אַזוי ווי אַ קלאַפּ געטאָן דער מוטטער און דעם פֿעטער אין די אויגען. די זוננענשטראַהלען האָבען אָנגעוואַרעמט זייערע פּנים׳ער. ווערענד דער פֿריהלינג-ווינד האָט דיעזע וואַרעמקייט ווידער פֿערטריעבען, בריינגענדיג אויף איהר אָרט אַן ערפֿרישענדע קאַלטליכקייט. אין דער לופֿט אין אַלגעמיין האָט זיך אַרום געטראָגען עטוואָס אַזוינס, וועלכעס האָט געהאַט אַ בערוישענדען איינפֿלוס.

דיעזער איינפֿלוס האָט אויף די מוטטער אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז ווען דעם קינד׳ס הענטעלע האָט זיך אין איהר האַנד צוזאַממענגעדריקט, האָט זי ניט געמערקט, ווי אויפֿגערעגט דער קליינער איז. זי האָט אַרויסגעלאָזען אַ זיפֿץ פֿון אַ פֿוללע ברוסט און גייענדיג פֿאָרווערטס, האָט זי זיך ניט אַרום געזעהן אַז אויף איהר קינד׳ס געזיכט איז דאָ אַ נייער אויסדרוק פֿון פֿערוואונדערונג.

ער האָט געהאַט אַ קעהר געטאָן זיינע בלינדע אויגען צו דער זון, האָט געעפֿינט די ליפּפּען, האָט נאָכאַנאַנד איינגעאַטהעמט די לופֿט, אַ שלונג נאָך אַ שלונג, ווי אַ פֿיש נאָר-וואָס פֿון וואַסער אַרויס. שרעק און בעגייסטערונג האָבען זיך געביטען אויף זיין געזיכט און נור די אויגען האָבען גאָר נישט אויסגעדריקט.

זיי זיינען געקומען צום בערגעל און האָבען זיך אַללע דריי אַנידערגעזעצט, אָבער ווען די מוטטער האָט איהם אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד אום איהם בעקוועמער צוריק אַוועק צוזעצען, האָט ער זיך, דערשראָקענערהייט, אַ כאַפּ געטאָן אָן איהר קלייד. ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט ערגעץ וואו אַרונטערפֿאַללען. אויך דיעזעס האָט די מוטטער ניט בעמערקט, זייענדיג פֿערטאָן מיט דעם בעצויבערנדען אָנבליק פֿון די ערפֿרישטע נאַטור.

דאָס איז געווען אַרום האַלבען טאָג. איבערן בלויען הימעל איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען די זון. פֿון באַרג אַראָב האָט זיך געזעהן דער טייך ווייט און ברייט פֿאַרגאַנדערגאָסען, טראָגענדיג אויף זיך, אַזוי ווי ווייסע פֿלעקען, די לעצטע שטיקלעך אייז. די גאַנצע נאַטור אַרום האָט אויסגעזעהן יום-טוב׳דיג, אָבער פֿאַר דעם בלינדען איז דאָס

אללעס געווען אן אונערגרייפבארע פינסטערנים, וועלכע האט, דאכט זיך, עפּים געטרויסעלט, גערוישט, געזאושעט, איהם בעריהרענדיג די ברוסט מיט גאנץ אונבעקאנטע איינדריקע, פון וועלכע עס האט, ווי אין א קריינק, געקלאפט ביי איהם דאס הערצעלע.

די ווארעמקייט, דאן דער ווינד האבען בעריהרט זיין פנים און ער האט ניט פערשטאנען פון וואנען דאס נעמט זיך אללעס. אין דער היים, אין די צימערן, האט ער דערפון ניט געוואוסט.

פערשיעדענע אונבעקאנטע לויטע: א שוואלב פארבייפליהענדיג, א מין פליגעלע זוממענדיג אין דער לופט, דער קול פון דעם פויער ביין אקער, דער בלאז פון ווינד, — דיעזע אללע זיינען געווען נייע רעטעניסען פאר איהם. זיין מוח האט געארבעט איבער זיינע יונגע כוחות און זיין גאנצער גוף איז געווארען שרעקליך אנגעשטריינגט. מיט א מאל האט ער ארויסגעלאזען א שטיללען זיפץ און איז אניעדערגעפאלען אויפען גראז, זיך אויסציעהענדיג אויפען רוקען.

די מוטטער האט זיך האסטיג אומגעקעהרט צו איהם און האט א געשריי געטאן: דאס קינד איז געוועזען געחלשט.

VIII.

דער פעטער פאנטאזירט.

פעטער מאקסים איז פון דיעזעם צופאלל זעהר אויפגערעגט געווארען. ער האט אין די לעצטע צייט גענומען אויסשרייבען אלערליי אזעלכע ביכער, וועלכע זאללען איהם אויפקלערען וועגען דעם, ווי אזוי א קינד וואקסט און ענטוויקעלט זיך.

וואס מעהר זיין מוח האט זיך בעשעפטיגט מיט זיין בלינדען פלעמעניק׳על, איז ער אלליין אלץ מעהר און מעהר געקומען צו דער איבערציינונג, אז ער איז פארט ניט אזוי איבעריג אויף דער וועלט ווי ער האט געמיינט. ער האט אנגעפאנגען נאכצודענקען און צייטענווייז האבען פרייליכע געדאנקען וועגען דער צוקונפט ערפרייט זיין אלטע הערץ. עס איז ביי איהם געווארען אלץ זיכערער און קלערער, אז

די נאַטור, וועלכע האָט ביי איהם געראויבט די מעגליכקייט צו זעהען, האָט איהם בעסער בעהאַנדעלט אין אַללע אַנדערע הינזיכטען; אז דאָס קינד איז אונגעוואוינליך פעהיג צו פיהלען אַללעס וואָס געהט פאָר אַרום איהם און אַז אַללעס מאַכט אַ גרעסערן און אַפּוּלערן איינ-דרוק אויף איהם ווי אויף אַנאַנדער קינד.

„עס איז קלאָר, — האָט דער פעטער ביי זיך בעשלאָסען — אַז איך בין דערצו בעשטיממט, די גוטע פייהיגקייטען פון דעם קינד צו ענטוויקלען; צו זעהען אוים צו גלייכען דאָס, וואָס דער שלים-מזל האָט פערקרימט, און אַזוי ווי איך אַליין טויג שוין ניט מעהר צו קעמפּפען פאַר די גערעכטיגקייט, מוז איך אַוועק שטעלען אויף מיין פּלאַטץ אַזאַ רעקרוט אויף וועלכען מע וואָלט ניט געקענט רעכענען ווען איך זאָלל ניט אַריינגעהמען זיינע ערציעהונג אין מיינע הענד.

„ווער ווייס? האָט דער אַלטער גאַריבאַלדיסט ווייטער פאָנ-טאַזירט, — קעמפּפען קען מען יעדענפאַללס מיט אַנדערע זאַכען, ווי שפּיזען און שווערדען, אויך. פיעללייכט וועט ער מיט דעם געוועהר אין האַנד, וועלכען ער קען געברויכען, אַמאָל פערטהיידיגען די, וואָס האָבען ניט געקראָגען זייער חלק אין לעבען און דאַן וועל איך, אַלטער קאַליעקע, האָבען געלעבט ניט גאָר אומזיסט".

פעטער מאַקסים, אַזוי ווי פיעלע פריידענקער פון זיין צייט, האָבען נאָך ניט אין גאַנצען געהאַט פערלאָרען די אמונה אַז מענשען האָבען פון דער נאַטור אַ „בעשטיממונג" צו זיין און אויפצוטאָן דיעזעס אָדער יענעס. עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט, אַז וואָס מעהר דאָס קינד האָט אַרוים געוויעזען אונגעוואוינליכע פעהיגקייטען, האָט ער אימער מעהר בעטראַכט אפילו דעם קינד'ס בלינדהייט גופא פאַר אַ „פאָרבעשטיממונג". „די וועלכען די נאַטור האָט באַליידיגט מוז קעמפּפען פאַר די בערויבטע" — האָט ער בעשלאָסען.

IX.

די מוטטער און איהר קינד.

נאָך זיין ערשטען שפּאַציערגאַנג איז דאָס קינד עטליכע טעג

נאָך געלעגען אין היץ: אונבעוועגליך און שפּראַכלאָז איז ער זיך געלעגען אין זיין קליינע בעטעלע, האָט עטוואָס געבורבעלט און זיך צו עטוואָס צו געהאָרכט. די גאַנצע צייט איז פון זיין געזיכט ניט אַראָב דער געוואוינליכער „פראַגעצייכען".

— „ער זעהט אוים פונקט אַזוי ווי ער וואָלט עפּים וועלין פאַרשטיין און ניט קענען", — האָט די יונגע מוטטער בעמערקט.

דער פעטער האָט זיך פערטראַכט. ער האָט פערשטאַנען, אַז די גרויסע טרעוואָגע ביי'ן קינד און זיין חלש'ן קומען ארוים דערפון וואָס די פיעלע פערשיעדענע איינדריקע, וועלכע ער האָט געקראָגע ביין ערשטען שפּאַציערגאַנג האָבען צוטומעלט זיין מוח.

„מע דאַרף, האָט ער צו זיין שוועסטער געזאָגט, אָט דיעזע זעלבע איינדריקע צו דעם קינד צולאָזען ביסלעכווייז און לאַנגזאַם"

מע האָט דערפאַר אין צימער וואו דאָס קינד איז געלעגע צוערסט געהאַלטען די פענסטער פעסט פערמאַכט. נאָכהער ווען ער האָט אָנגעפאַנגען בעסער צו ווערען האָט מען זיי אויף אַ ווייל'ינקע געעפענט. שפּעטער האָט מען איהם אַרום געפיהרט אין די צימערן, אַרוים גענומען אויפ'ן באַלקאָן, אַרויסגעפיהרט אין הויף, אין גאָרטען, און יעדעס מאָל, ווען זיין געזיכט האָט געצייגט אַז ער איז אויפגערעגט, האָט די מוטטער איהם ערקל'ערט דעם מיין פון די פערשיעדענע לויטע, וועלכע ער האָט צום ערשטין מאָל געהערט.

„אָט דאָ הערט זיך דעם פּאַסטוך'ס האָרן הינטערן וואַלד — פלעגט זי איהם ערקל'ערען. דאָס, ווידער, איז דער פיפּץ פון אַ פייגעל'ע, וועלכע מע רופט מאַלינאָווקאַ. איהר העוסט הינטער יענע סטייע שפּערלינגע. דאַן קענסטו הערען דעם אַאיסט אויפ'ן ראָד, — דעם ראָד אויף דעם הויכען שטאַנג, וואו ער מאַכט זיין נעסט, ער איז צו אונז געקומען פון ווייטע, ווייטע לענדער, צוריק אויף זיין אַלטען אָרט.

און דאָס קינד פלעגט ביי אַזעלכע פעללע אומקעהרען זיין פנים צו איהר און אויף דעם פנים זיינעם פלעגט זיך ווייזען אַ טיעפע דאַנקבאַרקייט. דאַן פלעגט ער אָננעהמען די מוטטער ביי דער האַנד. פלעגט

א שאקעל טאן מיט'ן קאפ, וויטער הארכענדיג מיט א גערראנקפאללע אויפמערקזאמקייט.

X.

ער פרעגט קשיות.

יא, ער האט געוואלט וויסען אללעס וואס האט צו זיך צו-געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט. די מוטטער און עפטער נאך פעטער מאקסים האבען מיט איהם זיך אונטערהאלטען וועגען פערשיעדענע זאכען און בעשעפעניסען, וועלכע האבען זיך געלאזט הערען אויף פערשיעדענע אופנים. די מוטטער'ס מעשיות, וועלכע זיינען געוועזן לעבהאפטער און קלערער, האבען אויף איהם געמאכט א גרעסערן איינדרוק, אבער דער איינדרוק איז אפט געוועזן צו שטארק און צו שמערצליך. זי האט אליין פיעל געליטען און דערפאר פלעגט זי זיך מאטערן איהר קינד צו געבען א בעגריף וועגען געשטאלטען און פארבען, זייענדיג צוטראגען און מיט שרעקליכע איננערע שמערצען. דער יונגע פלעגט דערביי אנשט-ענגען אללע זיינע קרעפטין אום צ בעגרייפען וואס זי זאגט און אויף זיין שטערענדעל פלעגען זיך אין אועלכע פעללע זאגאר בעוויזען קלייגע רונצלען, עס איז געוועזן קלאר, אז דעם קינד'ס קאפ האט געארבעט צו שווער איבער זאכען, וועלכע מע קען נור פארשטיין מיט'ן בליק. דאס פלעגט דעם פעטער זייער ערגערן און, זעהענדיג טרערען אין די מוטטער'ס אויגען און אן אונגעהייערע אנשטרענגונג אין דעם קינד, פלעגט ער זיך אריין מישען אין געשפרעך, פלעגט די שוועסטער אוועק שיקען און זיך אליין נעהמען צום קינד. ער פלעגט איהם דאן דערציילען וועגען זאכען, וועלכע מע קען לייכטער בעגרייפען זייענדיג בלינד, ווי צום ביישפיעל די גרויס, די ברייט און די לייגג פון מאנכע געגענשטענדע און אויך דאס וואס הערט זיך. דאס קינד פלעגט דאן ווערען רוהיגער.

„נו, און ער, איז ער א גרויסער?" האט דער אינגעל איינמאל געפרעגט, ריידענדיג וועגען דעם פויגעל אאיסט, וועלכער האט שמייענדיג אויף זיין שטאנג, לאנגזאם געבראבאנעוועט.

פֿרעגענדיג דיזע פֿראַגע, האָט דאָס קינד פֿאַנאַנדערגערוקט די הענטעליך. דאָס פֿלעגט ער איממער טאָן ביי אַזעלכע פֿראַגען און דער פֿעטער פֿלעגט איהם ווייזען וואו מ'ע דאַרף זיך אָבשטעללען. איצטער האָט ער אין גאַנצען פֿאַנאַנדער געצויגען זיינע קליינע הענטעלעך, אָבער זיי זיינען ניט געווען ווייט גענוג און זיין פֿעטער האָט בעמערקט:

„ניין, ער איז נאָך גרעסער. ווען מ'י זאָלל איהם אַריין פֿיהרען אַהער אין ציממער און אַוועקשטעללען אויף דער ערד וואָלט זיין קאָפּ אויסגעקומען העכער פֿאַר'ן רוקען פֿון שטול".

„ער איז גרויס! האָט דאָס קינד נאָכדענקענדיג געזאָגט, — גו, און די מאַלינאָווקא זי איז קליין? אָט אַזוי . . ." ער האָט קוים וואָס פֿאַנאַנדערגענומען די הענטעליך.

„יאָ, האָט דער פֿעטער געענטפֿערט, זי איז קליין, דערפֿאַר זינגען די גרויסע פֿייגעלעך ניט אַזוי גוט ווי די קליינע. די מאַלינאָווקע מאַטערט זיך אַזוי צו זינגען אַז אַללעמען זאָלל זיין אַנגענעהם איהר צו הערען. דער אַאיסט אָבער איז אַן ערנסטער פֿויגעל. שטייט זיך אויף איין פֿוס אין זיין נעסט, קוקט זיך אַרום ברוגז, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ בעל-הבית צווישען אַרבייטער, און בורטשעט אין דער הויך און קיממערט זיך ניט וואָס אַנדערע קענען ניט הערען זיין אונאַנגענעהמע הייזעריגע שטיממע.

הערענדיג אַזעלכע מעשיות פֿלעגט דער קליינער לוסטיג לאַכען, אָבער מעהר אָנציעהענד זיינען דאָך פֿאַר איהם געווען די מוטטער'ס ערציילונגען און ער פֿלעגט גערנער פֿרעגען קשיות ביי איהר ווי ביין פֿעטער.

ענדע פֿון דעם ערשטען טהייל.

צווייטער טהייל.

I.

עטוואס אין דער לופט.

דאס קינד איז געוואקסען. זיין גיהער איז אלץ שארפער און צוגעשפיצטער געווארען און אן אויפמערקזאמער צוזעהער וואללט געזאגט, אז דער יונגע, ניט ווילענדיג זיך אונטערגעבען, פיהרט א מלחמה געגען די נאטור, וועלכע האט איהם אזוי שווער בעליידיגט.

ער איז שוין געוועזען נאהענט פון פינף יאהר אלט. ווען אויך זיין און שייאך, איז ער פונדעסטוועגען פריי ארומגעגאנגען, צייטענווייז זאגאר ארומגעלאפען איבער אללע צימערן אין הויז, זיך פערקירע-ווענדיג ריכטיג דארטען, וואו מע האט געדארפט. יעדער פרעמדער, וועלכער וואלט איהם בעטראכט ווי ער האט מיט א זיכערן טריט ארומגעשפאצירט אין הויז און לייכט אויפגעזוכט אלץ וואס איהם איז נויטיג געוועזען, — יענער וואלט געקענט מיינען, אז פאר איהם איז א קינד וועלכעס איז ניט בלינד, זאנדערן עפיס א פער-חלום-טער אינגעלע מיט אן אונגעוואוינליכען בליק, דערפאר איז איהם אבער דער גיין אין הויף געוועזען שווער און ער האט געמוזט בענוצען זיין שטעקעלע גייענדיג און קלאפענדיג אן די שטיינער. האט ער אמאל דעם שטעקעלע אין האנד ניט געהאט, דאן איז ער שוין בעסער גע-קראכען אויף דער ערד, שנעלל ארומטאפענדיג מיט די הענד אום צו וויסען וואס עס געפינט זיך אויף זיין וועג.

איין שטיללען זומערדיגען אוונד האט עטוואס פאסירט. דער פעטער איז זיך געזעסען אין גארטען, דער פאטער האט ווייא געוואוינליך ערגעץ וואו ארומגעפארעט, ווייט אין פעלד אוועק. אין הויף און ארום איז געוועזען שטילל, דער דארף האט בישלעכווייז איינגעשלאפען און דער געשפרעך פון די ארבייטער און די דיענער

האָט אויפגעהערט זיך צו לאָזען הערען. דער קליינער איז שוין אויך אַ האַלבע שטונדע געוועזען אין בעט.

ער איז געלעגען האַלב דרעמלענדיג. אַ מערקווירדיגע עראינערונג פון עפּיס אַ פריהערדיגען איינדרוק, וועלכען ער האָט געקראָגען פון דרויסען, האָט זיך אין די לעצטע צייט אַריינגעגנב־ט אין זיין מוח'ל בעת ער האָט געהאַלטען ביין איינשלאָפען. נאַטירליך, ער האָט ניט געזעהן ווי דער בלויער הימעל איז דונקעל געוואָרען, ווי די שוואַרצע שפּיצען פון די בוימער האָבען, שאָקלענדיג זיך אין דער לופט, זיך אָבגעשפּיגעלט אויף דעם אויסגעשטערנטען געוועלב, און דאָך האָט ער שוין שיינע עטליכע אָוועגדען איינגעשלאָפען אונטער דעם איינדרוק פון אַ בעצויבערענדע ערשיינונג, וועלכע ער האָט דעם נעכסטען טאָג אומזיסט זיך געמאַטערט צו פערשטיין.

ווען דער ערסטער דרעמיל האָט אָנגעהויבען צו ווערען גדיכטער אין זיינע געדאַנקען — צו ווערען מעהר מטושטש; ווען דער אונקלאָרער בורבעל פון די בוכהאָלץ־בוימער איז פאַר איהם אין גאַנצען שטילל געוואָרען; ווען ער האָט שוין ניט מעהר געקענט אונטערשיידען דעם געבעלל פון די דאָרף־הינד, דעם קנאַק פון די נאַכטיגאלל הינטערן טייך, דעם קלאַנג פון די גלעקלעך אויף דעם זשערבעץ, וועלכער האָט זיך געפּיטערט אויף דער לאָנקע, — ווען, בקיצור, אַללע איינצעלנע לויטע פון אַרום און אַרום האָבען גענומען פערשווינדען און זיך פערליערען, דאַן האָט זיך איהם גענומען אָבדוכטען אַז אָט די אַללע פערשידענע לויטע גיסען זיך צונויף אין איין גאַנצע האַרמאָניע, וועלכע פליהט אַן־ערך אַריין דורכ'ן פענסטער, דרעהט זיך און דרעהט זיך לאַנג איבער זיין בעט, אָנהויבענדיג אויף איהם אונבעשטיממטע אָבער וואונדערבאַרע זיסע חלומות.

II.

די מוטטער איז פותר חלום.

ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה האָט ער זיך געווענדעט צו די מוטטער מיט דיעזע פראַגע:

„וואָס איז דאָס געווען . . . נעכטען ? וואָס איז דאָס אַזוינס ?"
ניט וויסענדיג וואָס ער קען דערמיט מיינען, האָט די מוטטער געראַכטעט, אַז איהם בעווענען חלומות, וועלכע ער האָט געזעהן אין שלאָף. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט איהם אַליין אַוועק געלייגט שלאָפען און איז געזעסען ביי איהם ביז ער האָט איינגעדרימעלט, דאַכט זיך גאָר נישט בעמערקענדיג עטוואָס אונגעוואוינליכעס. אָבער אויפ'ן צווייטען טאָג האָט איהר דאָס קינד ווידער דערציילט, אַז נעכטען אָוונד האָט איהם עטוואָס אַנגענעהמעס בעריהרט.
„דאָס איז געווען אַזוי גוט, מאַמאַ, אַזוי גוט! וואָס קען דאָס זיין אַזוינס ?"
— „דעם אָוונד, האָט זי בעשלאָסען, בלייב איך ביי איהם זיצען עטוואָס לענגער אום אַרויסצוגעפינען די אורזאַכע פון זיין אויפרעגונג".
זי האָט דאָס געטאָן. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול נעבען זיין בעטעלע און האָט זיך צוגעהאָרכט ווי איהר פעטיא (ער האָט געהייסען פעטער) האָט געצויגען דעם אָטהעם. מיט אַ מאָל, ווען זי האָט איהם שוין געהאַלטען פאַר פעסט איינגעשלאָפען, האָט זיך דערהערט זיין שטיללע שטיממע:
„מאַמאַ, ביזטו דאָ ?"
— „יאָ, יאָ מיין קינד!"
„זיי אַזוי גוט, געה אַוועק, עס האָט פאַר דיר מורא און עס קומט ניט. איך האָב שוין געהאַט גאָר גאָר איינגעשלאָפען און עס איז נאָך אַלץ ניטאָ".
די פערוואונדערטע מוטטער האָט מיט אַ זאָנדערבאַרען געפיהל אויסגעהערט דיעזע האַלב פערשלאָפענע, קלעגליכע, זעהר שטיללע רייד. דער יונגע האָט גערעדט פון זיינע חלומות אַזוי ווי פון ווירקליכע זאַכען. זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך איינגעבויגען צום קינד אום איהם אַ קוש צו געבען און איז שטיללערהייד אַרוים געגאַנגען, בעשליסענדיג צו צוגיין צום אָפענעם פענסטער פון דרויסען דורכ'ן גאָרטען.
זי האָט ניט פאַספּייעט צו קומען צום פענסטער, ווען דאָס גאַנצע רעטעניש איז אויפגעקלערט געוואָרען. זי האָט מיט אַ מאָל

דערהערט שטיללע, פֿליסענדע טעננער פֿון אַ פֿייפֿעל, וועלכע האָבען זיך געהערט פֿון סטאַדאָלע, — טעננער, וועלכע האָבען זיך צונויפֿגעמישט מיט די אוזשעריי פֿון אַ זידליכען אָוועגד. זי האָט זאָפֿאָרט פֿערשטאַנען אַז דיעזע טעננער פֿון דעם איינפֿאַכען מוזיק אינסטרומענט — די פֿייפֿעל צוזאַממען מיט דעם פֿאַנטאַסטישען איינדרוק, וועלכען די צייט פֿון דרעמלען און איינשלאָפֿען מאַכט אויף אַ מענשען, — אַז ביידע צוזאַממען האָבען דעם בלינדען אינגעלע געגעבען אַזעלכע זיסע חלומות און עראינערונגען פֿון דעם אָוועגד יעדען קומענדיגען פֿריהמאָרגען.

זי האָט זיך אַלליין אָבגעשטעלט, איז אַן-ערך פֿון אַ מינוט שטעהן געבליבען זיך צוהאָרכענדיג צו די ריהרענדע טעננער פֿון קליין-רוסישע ליעדער. אין גאַנצען בערוהיגט איז זי אַריין געגאַנגען אין די דונקעלע אַלעע פֿון גאָרטען, וואו פֿעטער מאַקסים איז געזעסען.

„יאָכים שפּיעלט גוט — האָט זי געטראַכט. עס איז מערקווירדיג וויפֿיעל עדעל-געפֿיהל עס געפֿינט זיך אין אַ „חלאָפּ", וואָס זעהט אויס אַזוי גראָב".

III.

יאכים, זיין פֿיעדעל, זיין ראמאן און זיין פֿייפֿעל.

יאָכים האָט ווירקליך גוט געשפּיעלט, און ניט נור אויפֿ'ן פֿייפֿעל. ביי איהם איז דער פֿידעל אַליין געוועזען אַ קלייניגקייט, און עס איז געוועזען אַ צייט ווען זונטאָג אין קרעטשמע האָט קיינער ניט אויפֿגעשפּיעלט אַ קאָזאַצשקע אָדער אַ פֿרייליכען פּוילישען „קראַקאָוויאַק" בעסער פֿאַר איהם. און דאַן פֿלעגט פּאַסירען, אַז ווען ער פֿלעגט זיך אַניעדער זעצען אויפֿ'ן בענקעל אין ווינקעלע, פֿעסט צודריקענדיג צום פֿידעל זיין געגאָלטע מאָרדע און אַראָבלאָזענדיג אויף דער פּאָטעלניצע זיין הויכע שוואַרצע געפֿאַרפֿעלטע היטעל און פֿלעגט דערלאַנגען אַ ריהר מיט דעם בויגען איבער די סטרונעס, — פֿלעגט אין קרעטשמע זעלטען ווער קענען איינזיצען אויף אַן-אָרט. זאָגאַר דער אַלטער

איינ-אויגיקער יאנקיל, וועלכער פלעגט באגלייטען יאכימען אויף א באנדורע, פלעגט בעגייסטערט ווערען אויפ'ן העכסטען גראד. וואס אנבעטרעפט די גוים, ביי וועלכע די פיס שיינען צו זיין אזוי געמאכט, אז זיי מוזען זיך א הויב טאן ביי דעם ערשטען אויפשפיעל פון א טאנץ-מעלאדיע, זיי זיינען איינפאך אויפגעשפרונגען.

אבער פון דער צייט אן, ווי מאריע די דיענסט-מיידעל פון א בענאכבארטען פריץ איז יאכימען זעהר ליעב געווארען, האט ער עפיס פיינד געקראגען דעם לוסטיגען פידעל. זיין פידעל האט איהם נעמליך ניט געהאלפען בעצווינגען דאס הערץ פון די חוואטסקע מיידעל און מאריע האט געפונען מעהר נאך איהר געשמאק, דעם דייטשען פנים אהן וואנצעס פון א פריץ'ס א קאממער-דיענער, ווי די געדיכטע בעוואקסענע אויבער-ליפ פון דעם כאכלאצקען מוזיקאנט. פון יענער צייט אן איז יאכימ'ס פידעל מעהר ניט געהערט געווארען ניט אין דער קרעטשמע און ניט אויף וועטשערינקעס. ער האט איהם אויפגעהאנגען אין דער סטאדאלע און האט מעהר ניט געאכטעט דארויף, וואס דורך זיין נאכלעססיגקייט ווי אויך דורך די פייכטקייט האט אויף זיין געליבטען אינסטרומענט נאכאנאנד געפלאצט איין סטרונע נאך די אנדערע. און געפלאצט האבען זיי מיט אזא הויכען און קלעגליכען גסיסה-קלאנג, אז אפילו די פערד האבען געפיהלפאלל געהירזשעט און האבען פערוואונדערטערהייט אומגעקעהרט די קעפ צו דעם פידעל'ס אונבארמהערציגען בעל-הבית.

אויף דעם ארט פון דעם פידעל האט זיך יאכים איינגעשאפט א הילצערנע פייפעל. איהם האט ווי עס שיינט זיך געדאכט, אז איהרע שטיללע, הערצליכע טעננער זיינען מעהר געווען אין איינ-קלאנג מיט זיין ביטערען שלים-מזל און אז זיי האבען בעסער אויס-געדריקט די מרה-שחורה פון זיין פערשטויסענע הערץ. פון דעסט-וועגען האט די געקויפטע פייפעל איהם ניט בעפריעדיגט. ער האט אזעלכע פייפעלעך געהאט ביז א צעהנדליג, האט זיי אויספרובירט אויף אלערליי אופנים: געשניטען, געווייקט אין וואסער, נאכהער זיי גע-טריקענט אויפ'ן זון; ער האט זיי דאן געהאנגען אויף א שטריקעל אונטער'ן דאך, אום אז דער ווינד זאלל אויף זיי בלאזען, אבער עס

האָט גאָר נישט געהאָלפֿען: די פֿרעמדע פֿייפֿעל האָט ניט געוואָלט דיענען אַ כאָכלאַצקע הערץ, זי האָט געפֿייפֿט דאָרטען, וואו מי האָט גערדאַרפֿט זינגען, האָט דערלאַנגט אַ שטיללען געשריי דאַן, ווען ער האָט פֿון איהר ערוואַרטעט אַ מאַטען, ציטערענדען טאָן און האָט איבערהויפט זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דעם, וואָס איהם האָט זיך געוואָלט. אַם ענדע איז ער געוואָרען אין כעס אויף אַללע געקיפֿטע פֿייפֿלעך און האָט ביי זיך בעשלאָסען צו מאַכען אַן אייגענע. אין פֿערלויף פֿון איניגע טעג האָט ער אַרום געבלאָנדזשעט איבער פֿעלדער און זומפען; איז צוגעגאַנגען צו יעדען בוים, וועלכער האָט איהם געקענט געבען דאָס, וואָס ער האָט בעדאַרפֿט, אָבער עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט ענדליך געפֿונען. דאַן איז ער געווען צופֿריעדען.

די פֿייפֿעל איז אַרויס געקומען גרויסאַרטיג. האָבענדיג אויסגעטריקענט אַ וויצקע, האָט ער איהר דורך געברענט די האַרץ מיט אַן אָנגעברענטען דראָט, האָט דורכגעברענט אין איהר זעכס רונדע לעכעלאַך, האָט די זיבעטע דורכגעשניטען אין דער קרים, האָט פֿעסט פֿערשטאָפּט איין זייט, איבערלאָזענדיג אין איהר אַ שמאָלען שפּאַלט. נאַכהער האָט ער איהר אַ גאַנצע וואָך געהאַלטען אויפגעהאָנגען אויף אַ שטריקעל און די זון האָט זי געברענט, וועהרענד דער ווינד האָט זי געלופֿטערט. מיט די הילף פֿון אַ מעסער, אַ שטיק גלאָז און אַ שטיק געוואַנד האָט ער ענדליך פֿערטיג געמאַכט זיין מוזיקאַלישען אינסטרומענט.

די גרויסע ערשטע פּראָבע האָט ער אָבגעלייגט אויפ'ן אָווענד ווען דער טאָג-עס-גערויש וועט זיך האָבען געלייגט. ווען אָבער דער אָווענד איז געקומען, האָבען זיך פֿון סטאַדאָלע פֿאַנאַנדער געגאָסען איבער די לופֿט צערטליכע פֿערטראַכטע און עפּיס אַזוי ווי ציטערענדע טעננער. יאָכים איז געוועזען פֿאָלקאָם צופֿריעדען מיט זיין פֿייפֿעל. עס האָט אויסגעוויזען אַז זי איז אַ טהייל פֿון איהם אַלליין. די לויטע וועלכע זי האָט אַרויס געגעבען, האָבען זיך אַזוי ווי אַרויס געגאָסען פֿון זיין אייגענע אָנגעוואַרמטע און ערווייכטע ברוסט, און יעדער אָבקלאַנג פֿון זיין טרויער איז דורכגעגאַנגען דורך די וואונדערבאַרע פֿייפֿעל.

IV.

יאכים ווערט איבערראשט.

יאָכים׳ס ליעבע איז איצט איבערגעגאַנגען פֿון מאַריען צו זיין פֿייפֿעל און אין דער סטאַדאָלע האָט ער מיט איהר צוגעבראַכט די ערשטע גליקליכע וואָכען נאָך דער חתונה. ביי טאָג איז ער, ווי פֿריהער, געווען אַ שטאַלל-קנעכט, פֿיהרענדיג די פֿערד טרינקען, זיי איינשפּאַנענדיג און אויספֿאָהרענדיג מיט פּאַננא פּאָפּעלסקי, אָדער מיט איהר ברודער. דאַן פֿלעגט זיין אויג ציימענווייז נאָך אַ בליק טאָן צו יענער זייט דאָרף צו, וואו די האַרט-האַרציגע מאַריע האָט געוואוינט און דאָס פֿלעגט איהם אַ צופּ טאָן אין הערצין. ווען אָבער דער אָווענד איז אָנגעקומען, האָט ער מיט דער דודקע אין דער האַנד פֿערגעסין אָן די גאַנצע וועלט. די געשטאַלט פֿון זיין געליעבטע האָט אויף אַזוי ווייט — און דאָס אויך נור ווי מיט אַ טומאַן פֿערצייגען — געשוועבט פֿאַר זיינע אויגען, אַז עס האָט צוגעגעבען אַ ביסעלע מעהר מרה-שחורה דער מעלאָדיע, וועלכע ער האָט געשפּיעלט.

אין אַזאַ מין בעגייסטערונג איז ער געלעגען איין אָווענד אויף זיין קאָיקע און האָט געשפּיעלט פֿערגעסענדיג ניט נאָר הימעל און ערד, זאָנדערן זיך אַלליין אויך. מיט אַמאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען. אויף דער ריהרענדסטען שטעללע האָט ער פלוצלינג געפֿיהלט ווי אַ קליינע הענטעל איז מיט די פֿינגער איהם האַסטיג אַריבער געלאָפֿען איבערן פּנים, זיך אַראָבלאָזענדיג אויף זיינע הענד און צוקומענדיג האַסטיג צו דער פֿייפֿעל.

צוערסט האָט ער געמיינט, אַז דאָס מוז זיין אַ ניט-גוטער, שפּעטער אָבער, ווען דער שרעק איז געווען איבערגעגאַנגען, האָט ער דערזעהן אַז דאָס איז דער יונגער, בלינדער „פּאַניטש".

אין אַ שטונדע אַרום איז די מוטטער געקומען צום אינגעלס בעט, וועלענדיג אַ קוק טאָן אויף איהם און האָט איהם ניט געפֿונען. אין אָנהייב האָט זי זיך זעהר איבערגעשראָקען, אָבער איהר מוטטער הערץ האָט איהר באַלד אונטערגעזאָגט, וואו מע דאַרף זוכען דעם פֿערלאָרען-געגאַנגענעם אינגעל. יאָכים איז שטאַרק צומישט געוואָרען

ווען ער האָט זיך אָבגעשטעלט אום אָבצוציעהען דעם אָטהעם און האָט פּלוצלינג דערזעהן די גנעדיגע „פּאַני״, שטעהענדיג אין טויער פֿון די סטאַדאָלע. זי, ווי עס שיינט, איז דאָרטען שוין געשטאַנען שיינע עטליכע מינוטען, זיך צוהאָרכענדיג צו זיין שפּיעל און קוקענדיג אויף איהר קינד, וועלכער איז געזעסען אויפ׳ן בעטעל און האָט, אַ בעגייסטערטער, צוגעהערט די אונטערבראָכענע מעלאָדיע.

V.

קנאה.

פֿון דאַן אָן איז דער קליינער יערדען אָוועגד געווען אין סטאַדאָלע ביי יאָכימען. ביי טאָג פֿלעגט איהם אפילו גאָר ניט איינפֿאַללען איהם צו בעטען אַז ער, יאָכים, זאָלל פֿאַר איהם עטוואָס אויפֿשפּיעלען. מי וואָלט געזאָגט, אַז אין זיין מוח האָט זיך אויסגעבילדעט דער געדאַנק, אַז ביי טאָג, ווען עס רוישט אומעטום און לאַרעמט, איז גאָר ניט מעגליך צו שפּיעלען. ער האָט דערפֿאַר געוואַרט מיט דעם גרעסטען אונגעדולד אויף די צייט, ווען אויפ׳ן טיש האָט זיך געיאַווען טהעע און אָבענד-ברויט, וואָס דאָס איז פֿאַר איהם געווען אַ סימן, אַז די גליקליכע שטונדע איז שוין זייער נאָהענט. דאַן איז ער אָוועק-געלאָפֿען צו יאָכימען. די מוטער האָט פֿון זיינע מוזיקאַלישע זיצונגען קיין גרויס הנאה ניט געהאַט, אָבער איהר קינד איז איהר געווען ליעב און זי האָט איהם ניט געוואָלט שטערן. זי האָט דייטליך געזעהן, אַז די שטונדען, וועלכע דער יונגע האָט פֿערבראַכט מיט׳ן שטאַלל-קנעכט, זיינען געווען ביי איהם די גליקליכסטע פֿון גאַנצען טאָג און אַז ער האָט ניט מעהר געהערט צו איהר אַלליין. זי האָט זעהר באַלד בעמערקט, אַז אפילו ווען זי האָט איהם געהאַלטען אויפ׳ן שויס, האָט ער אויף איהרע קוסען און אומאַרמונגען עפּיס אַזוי געענטפֿערט, ווי ער וואָלט האָבען אַנאַנדער ליעבע אין הערצעלע, טראַכטענדיג וועגען דעם ניגון, וועלכען יאָכים האָט פֿערגאַנגענעם אָווענד פֿאַר איהם אויפֿגעשפּיעלט. בקיצור, פּאַני

פאפעלסקי איז געווען איפערזיכטיג אויף דעם בלאס יאכים.

זי האט זיך דאן ערינערט אז זי האט זיך, מיט עטליכע יאהר צוריק אין דעם קיעווער פענסיאן פון פאננא ראדעצקי, געלערנט שפיעלען. עס איז אמת, אז דיעזע ערינערונג האט איהר ניט פרעהליכער געמאכט דאס הערץ, פאר איהרע אויגען איז אויפגעשטאנען די מאגערע, וואכעריגע, בייזע געשטאלט פון פריילין קלאפס, אן אלטע דייטשע מיידעל, וועלכע האט אין יענעם פענסיאן „איינגעבראכען" די קינדער׳ס פינגער, בשעת זי האט זיי געלערנט שפיעלען פארטע-פיאנע, אום צו מאכען אז די פינגער זאללען זיך לייכטער בייגען, ארויסטרייבענדיג פון די קינדער אין דערזעלבער צייט יעדעס געפיהל פון וואהרע מוזיקאלישע פאעזיע. פריילין קלאפ׳סעס לעהר מעטאדע האט ביי פאני פאפעלסקי אוועקגענומען יעדע לוסט זיך ווייטער צו בעשעפטיגען מיט מוזיק און דער פועל-יוצא דערפון איז געוועזען, אז זי האט אפילו נאך דער חתונה ניט געמאכט קיין שום פראבע פון דאס נייע אבצופרישען איהרע מוזיקאלישע קענטניסע.

דאס האט זיך איצט געענדערט. די מוזיק פון דעם פראסטען פייפער, וועלכער האט אזוי שטארק פערנומען דאס הערץ פון איהר קינד, האט איהר אלליין אנגעהייבען שטארק צו בעריהרען און בע-שעפטיגען. די שרעקליכע געשטאללט פון פריילין קלאפס איז פער-דונקעלט געווארען דורך איהר אייפערזוכט צום חאחלאצקען מוזיקאנט וועלכער האט, דיר-נישט, מיר-נישט, געקראגען א חלק אין איהר זון. דער איסלאז כּוּ, דעם איז געוועזען אז מאדאם פאפעלסקי איז געקומען צו איהר מאן מיט דער בקשה אויסצושרייבען פאר איהר פון שטאדט א פיאנא.

„ווי דו ווילסט, מיין טייבעלע" — האט געענטפערט דער מוסטערהאפטער מאן און האט נאר צוגעלייגט די ווערטער: — דו פלעגסט, דאכט זיך, אזוי ניט זעהר ליעבען מוזיק..."

דעם זעלביגען טאג איז אוועקגעשיקט געווארען א בריעף, אבער דער אינסטרומענט האט ערשט געקאנט אנקומען אין צוויי-דריי וואכען צייט.

דערווייל איז פון דער סטאדאלע יעדען אווענד געקומען

אַ מוזיקאַלישער אויפֿרוף צו פעטריקען און אַזוי גיך, ווי דער קליינער האָט דערהערט די בעקאַנטע טעננער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו יאָכימען, שוין אפילו גאָר ניט מעהר פֿרעגענדיג די מוטטערס ערלויבּנים. דאָרטען בּיין שפיעלען איז ער געזעסין ווי בעצויבערט און האָט געהאָרכט.

ער האָט דעם שפיעלער קיין מאָל ניט אונטערבראָכֿען אין מיטטען שפּיעלען. ווען ער האָט אַללין אויפֿגעהערט צו שפיעלען און עט.יכֿע מינוטען זיינען פֿערגאַנגען אָן ווערטער, איז אין דעם קינד אַמאָל אויפגעו[illegible] געוואָרען אַ שטאַרקע לוסט צו קריגען די פֿייפֿעל אין האַנד אַריין. ער פֿלעגט דאָן אויסשטעללען די ציטערענדע הענטעל צו דער דודקע צו, פֿלעגט איהר אָנגרייפֿען מיט די פֿינגערלעך און צולייגען צו די ליפּפּען. אָבער אַזוי ווי בּיי איהם פֿלעגט געוואוינליך קורץ ווערען דער אָטהעם, פֿלעגען די ערשטע טעננער אַרויסקומען שטילל און ניט גאַנץ גלאַט.

שפּעטער, בּיסלעכֿווייז, איז ער ענדליך בּייגעקומען יאָכֿימס פּראָסטען אינסטרומענט. זיין לעהרער פֿלעגט פֿאַנאַנדערלייגען זיינע קליינע פֿינגערלעך איבּער די לעכֿעלעך פֿון דער פֿייפֿעל און, אָבּגלייך איהם איז געוועזען שווער מיט זיין קליינע הענטעל זיי פֿעסטצוהאַלטען, האָט ער זיך פֿון דעסטוועגען אַלץ מעהר און מעהר צוגעוואוינט צו די פֿערשיעדענע קליינע עפֿנונגען. מיט דער צייט האָט בּיי איהם יעדע נאָטע געקראָגען איהר בעשטימטען געשטאַלט, איהר בּעזאָנדערען כּאַראַקטער. ער האָט איצט שוין געוואוסט אין וועלכֿע קאַמעריל פֿון דער פֿייפֿעל עס וואוינט זיך יעדע נאָטע און פֿון וואַנען מע דאַרף איהר אַרויסלאָזען אין די פֿרייע לופֿט אַרויס. און עס האָט צייטענווייז פּאַסירט, אַז דעם קינד'ס פֿינגערלאַך פֿלעגען זיך נעמען בעוועגען אַזוי גיך, ווי יאָכֿים פֿלעגט נעמען צוקלייבּען עפּעס אַ פּראָסטערען ניגון. ער האָט זיך שוין דייטליך געקענט פֿאָרשטעללען פֿון וואַנען די טעננער זיינען איינער נאָך דעם אַנדערען געקומען.

VI.

דער אנהייב פון א קאמפף.

אין דריי וואכען צייט איז דער פיאנא ענדליך אנגעקומען. דער קליינער פעטיא איז געשטאנען אויפ'ן הויף און האט זיך צוגעהערט זעהר אויפמערקזאם, ווי די ארבייטער, זעהר פערשמייעט, האבען זיך פארבערייטעט אריינצוטראגען אין צימער די אנגעקומענע „מוזיקע". דיעזע מוזיקע, האט פעטיא געמראכט, מוז זיין זעהר שווער, ווייל די פוהר האט געטראשקעט אונטער איהר, ווען מי האט זי אנגעהויבען צו ריהרען פון ארט; אויסער דעם האבען עפעס די מענשען אזוי ווי געקרעכצט און טיעף געזטהעמט. נון האבען זיי זיך א ריהר געטאן פון ארט מיט געמאסטענע, לאנגע טריט, וועהרענד די „מוזיקע" האט אללע ווײלע א הילך געטאן, האט א שטייגער געבורטשעט, ווי איינער וואס איז אין כעס, און דאס האט אנגעהאלטען ביז זי, די „מוזיקע", איז ענדליך אוועקגעשטעלט געווארען אין צימער.

דאס אללעס האט אויף דאס קינד געמאכט א שלעכטען איינדרוק. די פיאנא האט איהם כמעט איבערגעשראקען און פעטיא האט איהר געהאלטען פאר א מין אונגעבעטענע גאסט, וועלכע קומט אריין אין הויז זיך בייזערענדיג. ער איז אוועקגעגאנגען אין גארטען און האט זיך ניט געלאזט זעהן אין שטוב ביז די פיאנא איז ענדליך געשטאנען אויף אן ארט, געשטימט און פערטיג ארויסצוגעבען מוזיק אונטער דעם דרוק פון א געשיקטע האנד.

דער אינסטרומענט איז געוועזען, דער בעסטער וועלכען פאני פאפעלסקי האט געקאנט קריגען — א וויענער פיאנא — און זי האט פאר־אויס טריאומפירט; איהרע מוזיק, האט זי זיכער גערעכענט, מוז בעזיעגען דעם חאחאלס פייפעריי; איהר קינד וועט ווידער האבען זיין גאנצען גענוס, זיינע גאנצע פריידע פון איהר געפיהלין. זי איז געוועזען זיכער אז פעטיא וועט פערגעסען די סטאדאלע, דעם שטאלקנעכט און די מוזיקאלישע אווענדען צווישען די פערד און זייער אומגעגענד.

זי האָט געמאַכט דעם ערשטען אָנגריף. פֿעטער מאַקסים האָט אַריינגעפֿיהרט דעם אינגעלע פֿאַר'ן הענדטיל אין צימּמער. מיט זיי איז אויך געקומען יאָכים, וועלכער האָט געוואָלט האָבען די ערלויבניס צו הערען די „אויסלענדישע" מוזיק און האָט זיך געשטעלט ביי'ן טיר די קאָפּ אַראָבגעלאָזען, מיט די טשופּרינע אַראָבהייגענדיג איבער'ן שטערן.

ווען אַללע האָבען זיך אוועקגעזעצט, האָט די גליקליכע מוטטער אויפֿגעשפּיעלט איינע פֿון יענע אָפּערעס, וועלכע זי האָט געקענט פֿאָלקאָממען. דאָס איז געווען דאָס שטיק דורך וועלכעס זי האָט זיך אויסגעצייכענט אויפ'ן עקזאַמען און — אַזוי האָט מען גערעט אין דעם עולם — בעצויבערט דעם רוהיגען, שוויינעדיגען פּאַן פּאָפּעלסקי. זי האָט דאַמאָלס בעזיעגט — אויב דאָס איז אַזוי געוועזען — אַ הערץ מיט רעכענענדיג דאַרויף. זי האָט איצט בעשלאָסען, קלאָר אַללעס בערעכענענדיג, צו בעזיעגען אַ קליין הערצעלע: פֿעסטער צו זיך צו ציהען איהר איינענעם ליבענדעס, בלינדען אינגעלע.

פֿון דעסטוועגען האָבען זיך דיזעס מאָל איהרע פּלענער ניט איינגעגעבען. דער וויענער אינסטרומענט האָט, אין דעם ערשטען אָנגריף אויף די אוקראַיינא פּייפֿעל, ערליטען אַ ניעדערלאַגע. די פּיאַנא האָט געהאַט אויף זיך פֿיעל קונסט, שענהייט, אַ מאַסע פֿון פֿערשיעדענאַרטיגע נאָטען, וועלכע האָבען אַללע געפֿעהלט דער אָרימער דודקע. דאָס איז וואַר. דערפֿאַר אָבער האָט די דודקע געהאַט אויף איהר זייט אַלץ וואָס מאַכט אַ מענשען ליעב דעם אָרט, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען. זי איז געוועזען אוקראַייניש, האָט געשפּיעלט אוקראַייניש און איהרע גאַנצע נאַטור איז געווען אַ היימישע, ניט אַ פֿרעמדע.

אויסערדעם איז פּאַני פּאָפּעלסקי, אַלס שפּילערן, ניט געקומען צו יאָכים'ן. נאַטירליך איהרע דינע פֿינגער זיינען געוועזען בייגזאַמער, פֿלינקער; די מעלאָדיע איז אויך געוועזען פֿיעל רייכער און טעננער, פֿיעל פֿערוויקעלטער, און דאָס האָט פֿרייליין קלאָפּ'ס גענוג בעזוגד געקאָסט. יאָכים האָט אָבער דאַגעגען געהאַט אַ נאַטירליכען מוזיקאַלישען געפֿיהל. ער האָט געליעבט און געקומערט און ביידעס

— די ליעבע און דעם קוממער — האָט געמוזט אַרויס געבען זיין פּייפּעל. דאָן, וויעדער, זיינען די איינפאַכע טענער געווען אַזעלכע, וועלכע איהם האָט איינגעגעבען די ברייטע, היימישע נאַטור אַרום איהם און ער האָט איבערגעגעבען דורך זיין פּייפּעל, וואָס ער האָט געהערט אין זיין ווינקעלע.

די מוטטער האָט געשפּיעלט. מיט אַ מאָל האָט פּעטער מאַקסים גענומען סטוקענען אויף די פּאָדלאָגע מיט דער קוליע. די מוזיק האָט אויפגעהערט. די שפּילערין, זיך האַסטיג אומקעהרענדיג, האָט מיט שרעק דערזעהן אַז איהר קינד איז בלייך געוואָרען און אַז ער האָט אויפ'ן פּנים געהאַט דעם זעלבינען אויסדרוק ווי דענסטמאָל, ווען ער האָט געחלש'ט אויפ'ן גראָז.

מיט אַ בליק פון מיטלייד פאַר זיין יונגען פריינד און פון פערראַכטונג פאַר די דייטשישע מוזיקע איז יאָכים אַרויסגעגאַנגען פון דעם צימער.

VII.

די מוטטער גיט זיך אונטער.

די ערשטע פּראָבע האָט זיך אַלזאָ ניט איינגעגעבען. פּיעל טרערען האָט דאָס דער אָרימער מוטטער געקאָסט. צו ווערען בעזיגט פון אַ בלאָז, צו האָבען ארונטערצושלינגען זיין בליק פון פעראַכטונג! זי האָט איהם גרינדליך פיינד געקראָגען.

פון דעסטוועגען האָט זי זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען נאָכצוגיין איהר קינד יעדען אָוועגד ווען ער פלעגט זיך אַוועקלאָזען צו יאָכימען אין סטאַראָלע. וואָס האָט איהר געטריעבען אַהין? — אין אָנהייב דער וואונש צו זוכען חסרונות, לעכערקייטען אין די פּראָסטאַצקע פּייפעריי, אָבער אַלליין ניט מערקענדיג, ווי אַזוי דאָס איז געקומען, האָט פאַני פּאָפּעלסקי בישלעכווייז גענומען הארכען צו די זעלבינע פּייפעריי מיט אַנדערע געפיהלען. מיט דער צייט האָט די פּייפּעל מיט איהרע מעלאָדיען אָנגעהויבען מאַראַב פּאָפּעלסקי אַליין צו

בעצוויבערן: זי האָט אַרויסגעפֿונען אַ געוויסע האַרמאָניע צווישען יאָכים'ס שפּיעלען און די אַרומיגע נאַטור.

„יאַ, — האָט זי ענדליך צו זיך געזאָגט — דאָ איז עפּעס פֿערהאַנען אַ גאַנץ בעזונדערעס געפֿיהל דאַרין, עטוואָס וואָהרעס... אַזאַ מין פּאָעזיא, וועלכע מי קען זיך ניט אויסלערנען אין נאַטען".

VIII.

בעזיענטערהייט — זיעגט זי.

יאַ, יאָכים — האָט מאַדאַם פּאָפּעלסקי ביי זיך בעשלאָסען — האָט געפֿיהל. און זי? — זי אַלליין? האָט זי דען גאָר קיין שום געפֿיהל ניט? אויב אַזוי, טו פֿון וואַנען נעמט זיך ביי איהר אַזאַ טרעוואָגע אין הערצען, אַזאַ וואַרעמקייט אין דער ברוסט, אַזוי פֿיעל טרערען אין די אויגען? איז דען די ברענענדע ליעבע צום אָרימען, בלינדען אינגעלע ניט אויך געפֿיהל? און דאָך לויפֿט ער אַוועק פֿון איהר צו יאָכימען, מחמת זי קען איהם עפּעס ניט געבען דעם לעבעדיגען, פֿרישען געגום, וועלכען דאָס קינד קריעגט ביי יענעם.

וואָס איז דאָ צו טאָן? עס זיינען פֿערגאַנגען וואָכען און זי האָט זיך אַלץ ניט געפֿונען קיין עצה. פֿון דעסטוועגען האָט זי שטאַרק געליטען דערפֿון, וואָס איהר געליעבטעס קינד איז פֿון איהר טהיילווייז אָבגעפֿרעמדעט געוואָרען. אָבער מיט דער צייט האָבען זיך איהרע ביטערע איננערליכע ליידען אָנגעהויבען אָבצורופֿען אויף איהר מוזיק. זי האָט, אַלליין דאָס ניט מערקענדיג, ביסלעכווייז אויפֿגעהערט צו שפּיעלען גרויסע פֿערוויקעל'טע „אָפּערעס", זיי פֿערבייטענדיג אויף פֿערטראַכטע שטיללע, איינפֿאַכע, ריהרענדע ניגונים. צוערסט האָט זי עס געטאָן אַזוי ווי פֿאַר זיך אַלליין און האָט געשפּיעלט נור דאַן, ווען איהר אינגעל'ע איז געוועזען ענטוועדער אין אַ וויטיגע אַלעע, אָדער אויף אַ שפּאַציערגאַנג. ענדליך אָבער האָט זי זיך געפֿיהלט שטאַרק גענוג אַרוים צוטרעטען אויף אַנאָפֿענעם קאַמפּף מיט איהר געגנער. פֿון איצט אָן האָבען זיך די טעגגער פֿון דער פּייפֿעל בעגעגענט

אין דער לופט יעדען אָווענד מיט די פוללע מעלאדישע אקאָרדען פון דער פיאַנא.

ניט דער איינגעלע, ניט יאָכים אַלליין האָט אין אָנהייב קיין שום „נאָטיץ ניט גענומען" פון די ביטרע מוזיק, וועלכע איז געקומען פון הויז אַרויס. דער קליינער פלעגט זיך זאָגאַר אָן בלאָזען יעדעס-מאָל, ווען יאָכים פלעגט אויף אַ ווײלע אויפהערען צו שפּיעלען אום צו הערען מאַדאַם פאָפּעלסקים מוזיק.

„עה, נו! שפּיעל, שפּיעל!" פלעגט ער זאָגען און איהם אונטערנוקענען.

דאָס אָבער האָט זיך באַלד געענדערט. גלייך נאָך די ערשטע דריי אָווענדען האָט יאָכים אַלץ עפטער און עפטער זיך אָבגעשטעלט אין מיטען שפּיעלען און אַלץ פערטיעפטער און פערטיעפטער זיך צו-געהאָרכט. פעטיאַ, פון זיין זייט ווידער, האָט איהם עפּיס אַלץ זעלטענער און זעלטענער אונטערגענוקעט ווייטער צו שפּיעלען. ענדליך האָט יאָכים פערטראַכטערהייט געמאַכט די בעמערקונג:

„אַי, איז דאָס שיין . . . האָרך, אָט יענע שטיק! . . ." און דאָס זאָגענדיג האָט ער דאָס קינד אַרויפגענומען אויף די הענט און האָט איהם צו געטראָגען צום אָפענעם פענסטער פון'ם זאַל.

ער האָט נאַטירליך געמיינט, אַז די „גנעדיגע פאַני" שפּיעלט דאָס פאַר זיך, צוליעב איהר אייגענעם פערגניגען, זיך גאָר ניט קימערענדיג וועגען זיי. אָבער די מוטער האָט גאַנץ גוט געהערט ווי איהר געגנערין, די פייפעל איז שטום געוואָרען און איהר הערץ איז געוועזען איבערפיהלט מיט פריידע.

און וואָס מעהר זי האָט געפיהלט אַז זי זיעגט, איז אַלץ מעהר אַבגעשוואַכט געוואָרען איהר ווידערגעפיהל און איהר האָס געגען דעם אָרימען יאָכים. זי איז איצט געוועזען גליקליך און האָט זאָגאַר איינגעזעהן, אַז אי זי, אי איהר קינד וועלען פיעלעס האָבען צו פערדאַנקען דעם פראָסטען מושיק, זייער ביידענס לעהרער.

IX.

דער קינפטיגער מוזיקאנט.

דער אָנהויב איז, אויף דעם אופן, געווען געמאַכט. אויף מאָרגען זיז פעטיאַ, האַלב זיך שרעקענדיג, האַלב נייגיעריג אַריינגעגאַנגען אין דעם צימער וואו דער פּיאַנאָ איז געשטאַנען, — אַ צימער, אין וועלכען זיין פֿוס איז ניט אַריינגעטראָטען פֿון יענעם טאָג אָן, ווען דער אונבעקאָנטער „אויסלענדישער" גאַסט איז דאָרטען איינגעקוואַרטירט געוואָרען. זיינע טעגנער האָבען איהם איצט געהאַט אונטערגעקויפֿט און ער איז געגאַנגען בושת-פּנים-דיג ווערען בעסער בעקאָנט מיט דעם אורח פֿון שטאָדט. ער האָט זיך פֿון דעסטוועגען אָבגעשטעלט צו הערען אויב קיינער איז ניטאָ אין צימער. געוועזען איז דאָרטען אימיצער יאָ, זיין מוטטער נעמליך, אָבער זי האָט אפילו דעם אָטהעם פֿערהאַלטען אום צו קענען זיין דערביי און צוצוזעהן איהר גרויסע שמחה.

דער פּיאַנאָ איז געוועזען אָפֿען. פעטיאַ האָט איהם בעטראַכט מיט די פֿינגערלאַך צוערסט פֿון דרויסען, אַרומטאַפּענדיג די פּאָלירטע האָלץ און האָט זיך, אַזוי ווי פֿאַר עטוואָס מורא האָבענדיג, אויף אַ מינוט צוריקגעצויגען. דאָס האָט זיך ווידערהאָלט אַ פּאָר מאָל. ער האָט דאַן געקראָגען מעהר מוט, איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט, האָט זיך איינגעבויגען ביז גאָר אונטען און האָט אַרומגעטאַפּט די פֿיסלעך פֿון דעם גרויסען אינסטרומענט. ווען ער איז דערמיט געוועזען פֿאַרטיג און האָט שוין געהאַט אונגעפֿעהר אַ בעגריף וועגען דעם וואָס דער גאַסט איז פֿאַר אַ מין חברה-מאַן, האָט ער אַ הייב געטאָן די הענטעל און איז ביסלעכווייז צוגעקומען צו די גלאַטע נאָטען (קלאַווישען) פֿון דעם אינסטרומענט.

ער האָט ערגיץ-וואו ניט ווילענדיג דערלאַנגט אַ דריק און אַ קול פֿון אַ סטרונע פֿון אינגעווייניג האָט אַ ציטטער געטאָן אין דער לופֿט. ער האָט געהאָרכט. דער טאָן איז פֿאַר די מוטטער שוין געווען פֿערשוואונדען. אָבער דעם קינד'ס אונגעוועהנליך-שאַרפֿער אויער האָט נאָך אַלץ געהערט דעם שוואַכען אָבקלאַנג פֿון דער סטרונע, וועלכער

איז ביסלעכווייז אבגעשטארבען, ביז די בעוועגטע סטרונע אליין איז אינעווייניג אין דעם פיאנא ענדליך געקומען צו איהר רוה. דאן האט ער בעריהרט אנאנדער נאטע און דאן נאך איינע ביז זיין הענטעל איז צו געקומען צו די נאטען פון דעם העכערן רעגיסטער, וועלכע א זעהענדיגער וואלט זאפארט דערקאנט, ווייל די ביינדלאך זיינען שווארץ. ער האט געגעבען יעדען טאן גענוג צייט אום ער זאל זיך א שאקעל טאן, וויברירען און אבשטארבען אין דער לופט. דערביי האט זיין געזיכט אויסגעדריקט ניט נאר אנגעשטרענגטע אויפמערקזאמקייט, זאנדערן אויך גרויס פערגעניגען; ער האט — דאס איז געוועזן קלאר צו זעהן — איינפאך זיך געלאבט מיט יעדען איינציגען טאן און זיין אויפמערקזאמקייט צו די פערשיעדענע טהיילע פון א מעלאדיע, צו די פערשיעדענע טענער, וועלכע דארפען זיך נור צונויפגיסען אום אז פון זיי זאל ווערען א ניגון — האט שוין אנגעצייגט אז אין דעם בלינדען אינגעלע האדעוועט זיך א קינסטלער.

דערצו איז נאך ווערטה געוועזין צו בעמערקען, אז ער האט א הויב געטאן דעם קעפיל ביי יעדער העללער לוסטיגער נאטע פון דעם העכערן רעגיסטער אזוי ווי זי וואלט זיך אוועקגעטראגען הויך אין דער לופט. פערקעהרט ווידער, איז יעדער דיקער טאן פון באס איהם פארגעקומען, אזוי ווי ער וואלט זיך פארנאנדערגעשאטען אויף דער ערד און זיך פערשפרייט אין אללע ווייטע ווינקעלאך.

X.

„אליעדעלע" זאגט דער פעטער.

פעטער מאקסים'ס התלהבות פאר דיזע אללע מוזיקאלישע עקספערימענטען איז ניט געוועזן זעהר גרויס. ער האט דאס אללעס נור גערולדעט. ווארום? ווייל ביי איהם אין הערצען איז דאס געפיהל פון דעם קינד'ס קינפטיגע בעשעפטיגונג געוועזען עפעס ניט א היין און ניט א הער. געפרעהט האט איהם נאטירליך, וואס די מוזיק וועט לכל-הפחות אויף אזוי פיעל דעם בלינדען קינד געבען עטוואס

צו טאָן אין לעבען, אז ער וועט וויסען, צו-וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. דאַגעגען אָבער האָט פּעטער מאַקסים פאַר איהם געהאַט אַ העכערן ציעל אין לעבען.

„אָט — האָט דער אַלטער סאָלדאַט געטראַכט — וועט ער דאָס אביסעל צונויפקלייבען הונדערטער פּראַנטען און פּראַנטיכעס און וועט זיי אויפבאַמקענען אַללערליי וואַלצען און אַנדערע אַוּלכע זאַכען (פון העכערע מוזיק האָט דער אַלטער ווייניג-וואָס פאַרשטאַנען) און זיי וועלען זיך ווישען די אויגעלעך מיט זיידענע טיכעלעך. עך, די טייוועל! ניט דאָס האָט זיך מיר געוואָלט. אָבער וואָס איז דאָ צו מאַכען? דער קליינער איז בלינד — לאָז ער-זשע ווערען וואָס ער קען. פון דעסטוועגען וואָללט שוין בעסער געוועזען אַ ליעד צום וויינינגסטען. דאָס ליעד רעדט צו אַללע הערצער. דאָס ליעד גיט בילדער, וועקט דעם געדאַנק אין מוח און דעם מוטה אין הערצין".

איין אָוועגד איז פּעטער מאַקסים נאָכגעגאַנגען נאָך זיין פלימע-ניקעל צו יאָכימען אין סטאַדאָלע אריין.

„עה, יאָכים! — האָט ער אויסגערופען — לעג האָטש איין מאָל אַוועק דיין נאַרישע דודע. דאָס פּאַסט פאַר קליינע אינגלעך אויפ'ן גאַס, אָדער פאַר אַ אונטערפּאַסטוך; דו אָבער ביזט דאָך שוין אַ'ן ערוואַקסענער פויער, אָבגלייך דיין מאַריע האָט דיך געמאַכט פאַר אַ קאַלב. טפוי, טייוועל! עס איז אַ וואַהרע שאַנדע! האָט זיך פון איהם אָבגעקעהרט די מיידעל און ער זעהט אויס ווי אַ ווייערע אוגערקע. פייפט אָהן אַ סוף!".

— „זאָגט דאָס ניט, פּאַן!" — האָט יאָכים געענטפערט, שמייכלענדיג אין דער פינסטער איבער דעם אַלטענס אומזיסטען כעס און האַלב-געקריינקט פון די ווערטער: „אינגלעך", „אונטערפּאַסטוך". — „זאָגט דאָס ניט, אַזאַ דודע געפינט איהר ניט ביי קיין איינציגען פּאַסטוך אין גאַנץ אוקראַיינע, ניט רעדענדיג פון אונטערפּאַסטוכער, יענע זיינען אַלץ ניט מעהר ווי פּראָסטע פייפלעך אָבער דיזע . . אָט הערט".

ער האָט אַ חאַפּ געטאָן עטליכע נאָטען. פּעטער מאַקסים איז געוועזען אַרויס פון די כלים. ער האט מיט כעס אויסגעשפיגען.

„דו ביזט דאָך עפּעס גאָר אַ שעפּס, פּאַרובאָק! וואָס גערט מיך אָן דיין דורע? אַלע פֿייפֿלעך, אַלע מיידלעך זיינען איין שוואַרץ יאָהר, און דיין מאַריע איז איינע פֿון זיי. אַט וואָלסטו אונז בעסער אַ ליעדעל אָנגעזונגען אויב דו קענסט. אַ גוטע ליעדעלע ווי דער טאַטע, ווי דער זיידע דיינער פֿלעגט זינגען".

פּעטער מאַקסים איז געווען אַ פּראָסטער מאַן. ווען אויך ער פֿלעגט בורטשענען און זיך בייזערן, האָט זיך דערפֿון קיינער ניט בעליידיגט. די מוזיקעס פֿלעגען איהם אַכטען און דאָך זיין מיט איהם פֿריי.

— „און ווארום ניט? האָט יאָכים געענטפֿערט — איך פֿלעג אַ מאָל זינגען ניט ערגער ווי אַנדערע. מעהר נישט אונזער מוזיצקע ליעדעלע וועט איך פֿיעללייכט אויך ניט זעהר שמעקען".

דאָס איז געווען אַ עדעלער שטאָך-ווערטעל.

„דו ביללסט, חלאָפּעץ, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — אַ גוטע ליעד איז ניט קיין פֿייפֿעל; אַ מענש דאַרף נור קענען גוט זינגען. אַט לאָמיר הערען, פּעטרוסיא, יאָכים'ס ליעד. וועסטו עס אָבער נור פֿערשטעהן, קליינער?".

— „וועט דאָס זיין אַ חלאָפּסקע ליעד?" האָט דער קליינער געפֿרעגט און האָט בעמערקט: „חלאָפּסקע זאָגען פֿערשטעה איך".

מאַקסים האָט אַ זיפֿץ געטאָן.

„עך, קינד! דאָס זיינען ניט חלאָפּסקע געזענגע. זיי קומען פֿון פֿרייע מעכטיגע הערצער. דיין מאַמעס עלטערן האָבען זיי געזונגען אין די סטעפּען, ביין דניעפּר, ביין דונאַי, ביין שוואַרצען מעער. נו, דאָס וועסטו ווען עס איז פֿערשטעהן; דערווייל האָב איך מורא פֿאַר אַנאַנדער זאַך".

דער אַלטער האָט נעמליך מורא געהאַט דאָס קינד זאָל זיך ניט ווידער צו שטאַרק אויפֿרעגען. דאָס אָבער האָט ניט פּאַסירט.

יאָכים האָט געזונגען איינינע ליעדער וועגען בערג, וועגען טהאָלען, וועגען פּויערים אויף די בערג, ה׳רעוועדיג שווער און ביטער אויבען אין פֿאַלקען קאָזאַקען, וועלכע געהען אונטען אין טהאָל. דיעזע און אַנדערע זאַכען האָט פּעטריק זעהר גוט פֿערשטאַנען ווען

ער האָט פֿערגליכֿען דעם מאַרש, דעם קאָסענען פֿון קאָרן מיט זאַכֿען, וועלכֿע ער האָט געהערט; די בערג און טהאָלען מיט די ערטער, וועלכֿע זיינען איהם שוין געוועזען בעקאַנט; דעם זיפֿץ און דעם געזאַנג מיט זיינע אייגענע ערפֿאַהרונגען. קורץ און גוט, דער פֿעטער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער יונגע איז פֿעהיג אויפֿצונעהמען אַללערליי איינדריקע און צו פֿערשטעהן בילדער, וועלכֿע עס מאָלט אוים מיט היילע ווערטער דער פאָעט׳שער געזאַנג.

ענדע פֿון דעם צווייטען טהייל.

דריטער טהייל.

I.

פֿעטריקען פֿעהלען חֲבֵרִים.

פֿעטער מאַקסים׳ס פלענער פֿאַר זיין פלעמעניק, אין וועלכֿע די מוטטער האָט אין אָנהויב שוואַכֿליך געגלויבט, האָבען זיך אַלע איינגעגעבען. די פלענער האָבען אַללע געהאַט דעם איין פרינציפ, אַז „דער קליינער" מוז שטעהן אויף זיינע אייגענע פֿים און זיך אַליין העלפֿען. פעטריק האָט דערפֿאַר צו אַכֿט יאָהר ניט נור געקענט זיכֿער אַרומגעהן אין הויז און האַלטען אין אָרדנונג זיינע זאַכֿען און שפּיעל־צייג, ער האָט אויך געקענט מאַכֿען פֿערשיערענע אַרטען גימנאַסטיק און זאָגאַר רייטען אויף אַ פֿערדיל מיט יאָכֿים׳ען ביי דער זייט, וועלכֿער האָט איהם נור געוויזען וואו מי דאַרף זיך פֿערקירעווען.

פֿאַר זיינע יאַהרען איז ער איצט געוועזען הויך און שלאַנק גע־וואַקסען. זיין געזיכֿט איז געוועזען עטוואָס בלייך און אַלע געזיכֿטס־ציגע זעהר אויסדרוקס־פֿאָלל. זיינע שוואַרצע האָאָר האָבען נאָך מעהר צוגעגעבען ווייסקייט צום פּנים און די גרויסע, טונקעלע, אָבער וועני־

בעוועגליכע אויגען האָבען צוגעצויגען צו איהם יעדען איינציגענס אויפמערקזאמקייט.

זיין ליעבע פיר מוזיק איז געוואַקסען, ער האָט אפילו נאָך אַלץ ניט אַוועקגעוואָרפען יאַכים'ס דודקע, אָבער ער האָט פלייסיג געלערנט שפּיעלען אויף דעם פּיאַנאָ אַלץ וואָס די מוטטער האָט איהם געוויזען. די פייפעל איז איהם ליעב געבליעבען מיינסטענס דערפאַר, וואָס איהר האָט מען געקענט אימער מיטנעהמען מיט זיך אין פעלד, וועהרענד דער שווערער פּיאַנאָ איז געשטאַנען אין צימער.

ער האָט געשפּיעלט און געזונגען און פּעטער מאַקסים האָט בענוצט די נאַציאָנאַל-ליעדער אום איהם דורך זיי בעקאַנט צו מאַכען מיט די געשיכטע פון אוקראַיינע. אין דעם קינד'ס געדאַנקען האָבען זיך צונויפגעשטעלט די פערשיעדענע זאַכען, וועלכע האָבען אין לאַנד פּאַסירט, ווי לאַנגע רייהע פון אַלערליי טענער. דערביי האָט זיך דער פּעטער פון דעסטוועגען ניט אָפּגעשטעלט און, ווען פּעטריקען האָט גענומען געהן דער נייינטער יאָהר, האָט ער איהם אָנגעהויבען לערנען לעזען, אויסשרייבענדיג פאַר איהם ספּעציעלע ביכער. פּעטער מאַקסים'ס קלוגע לעקציאָנען האָבען פּעטריקען זעהר פּעראינטערעסירט און ער איז וואָס פון טאָג אַלץ אויפגעקלערטער געוואָרען, קריגענדיג אימער מעהר ריכטיגע בעגריפע וועגען די גרויסע וועלט אַרום איהם. מי וואָלט זאָגאַר געקענט מיינען, אַז ער מערקט ניט זיינע בלינדהייט.

און דאָך האָט זיך יעדערן געוואָרפען אין די אויגען אַ זאָנדערבאַרע טרויעריגקייט אין זיין כאַראַקטער, וועלכע האָט ניט געדאַרפט זיין ביי אַ קינד אין זיין עלטער. דער פּעטער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס קומט דערפון וואָס פּעטריקען פעהלט קינדערשע געזעלשאַפט. ער האָט זיך גענומען דערצו.

אַרום דעם יונגען פּעטריק זיינען באַלד געוועזען אַ מאַסע דאָרף-קינדער. צום אונגליק האָט זיך עפּעס אין אָנהויב די חברותא ניט געקלייעט. די קליינע פּויערלאַך האָבען געהאַט צופיעל אָבשיי פאַר'ן יונגען „פּאַניטש" און פאַר די רייכע ווירטהשאַפט. מיט דער צייט איז דאָס עטוואָס בעסער געוואָרען און ווען זיי זיינען געבליבען מיט איהם אַליין, האָבען זיי זיך געפיהלט עטוואָס פרייער. צייטענווייז האָט

יאָבים זיי אַרומגעקליבען אַרום זיך און האָט פּאָר זיי און פּאַר זיין ליעבלינג דערצעהלט מעשיות וועגען דעם נאַררישען חאָחלאַצקען טייוועל און וועגען די ביטרע מכשפות. פּעטריק האָט אַללעם אויפ-מערקזאַם אויסגעהערט, אָבער געלאַכט האָט ער זעלטען. אום ריכטיג צו פֿערשטעהן די לעבעדיגע שפּראַך האָבען איהם געפֿעהלט אויגען, וועלכע קענען זעהן די מימיק פֿון דעם דערצעהלער און די בעוועגונגען אין זיין פּנים.

II.

א נייע בעקאנטשאַפט.

איין פֿאַרנאַכט איז פּעטריק געזעסען אויפ'ן בערגעל איינער אַליין. די זונן האָט געהאַלטען ביין אונטערגעהן, אומעטום איז גע-וועזען שטיל און נור דער מעקענען פֿון רינדער, וועלכע זיינען צוריק-געגאַנגען פֿון פּאַשען זיך אין דאָרף אַריין, האָט זיך געהערט פֿון ציים צו צייט.

ער האָט אָקאָרשט אויפגעהערט צו שפּילען און, זיך אויס-ציהענדיג אויפ'ן גראָז, האָט ער געוואָלט זיך פּעררוהען. ער האָט נאָר וואָס געהאַט איינגעדרימעלט, ווען אימיצענס לייכטע קליינע טריט האָבען איהם אויפגעוועקט. פּעררדריעסליך איבער די שטערונג, האָט ער זיך אויפגעהויבען אויפ'ן עללענבויגען און האָט געהאָרכט. די טריט האָבען זיך אָבגעשטעלט אונטען ביין בערגעל. דער גאַנג איז איהם געוועזען אונבעקאַנט.

„יונגע!" — האָט ער פֿון וויימען דערהערט א קינדערשע שטיממע — „ווייסטו ניט, ווער דאָ האָט געשפּילט מיט א ווייַלע צוריק?".

דער בלינדער האָט ניט געליעבט, אַז מי זאָל איהם שטערן זיין איינזאַמקייט (התבודדות) און ער האָט דערפֿאַר געענטפֿערט מיט א טאָן פֿון אונצופֿריעדענהייט:

— „דאָס האָב איך געשפּיעלט".

„אה, ווי פיין!" האט די מיידעלע אויסגערופען. זיין גאסט איז נעמליך געווען א מיידעלע אין זיינע יאהרען.

דער יונגע האט זיך פאר'ן קאמפלימענט ניט בעדאנקט.

— „ווארום געהסט איהר ניט אוועק?" האט ער איהר א ווילע שפעטער בורטשענדיג געפרעגט, הערענדיג אז זי ריהרט זיך ניט פון ארט.

„פארוואס טרייבסטו מיך?" האט יענע געזאגט פערוואונדערט איבער זיינע גראבקייט.

די טענער פון דיזעם געלאסענעם קינדערשען קול האבען אין דעם בלינדען'ס אויערן אנגענעהם אבגעקלונגען. פון דעסטוועגען האט ער געענטפערט ניט פיעל העפליכער ווי פריהער:

„איך האב ניט ליעב, אז מ'זאלל צו מיר קומען".

די מיידעלע האט זיך פאנאנדערגעלאכט.

„אהא! — האט זי געזאגט — זעהט נור א ביסעל! ווי עס וויזט אוים מיינסטו, אז די גאנצע וועלט איז דיינע און אז דו קענסט אימיצען פערווערען צו געהן וואו איינער וויל...

— „מאמא האט אלעמען פערבאטען צו קומען אהער צו מיר".

„דיין מאמא?' — האט זי פערטראכטערהייד איבערגעפרעגט — נו, מיין מאמא האט מיר ערלויבט צו געהן דא ביין טייך".

פעטריק, וועלכער א'ז געוועזען געוואוינט, אז אלע זאלען איהם נאכגעבען, האט זיך געוואונדערט, אז מ'זאלל איהם וואגען אזוי צו ענטפערן. ער איז געווארען אין כעס און, עטוואס זיך אויפהייבענדיג, האט ער מיט אויפרעגונג אויסגערופען:

— „געהט אוועק, הערט איהר? געהט!".

עס איז שווער צו וויסען, מיט וואס די סצענע וואלט זיך געענדיגט, ווען עס וואלט זיך ניט דערהערט פון הויז די שטיממע פון יאכים'ען, רופענדיג פעטריקען צו טהעע.

ער איז שנעלל אראנטערגעלאפען פונ'ם בערגעל, אבער הינטער זיך האט ער געהערט די מיידעלס יוערטער:

„אך, איז דאס א פאסקודנער אינגעל!" — וועלכע זי האט אויסגערעדט מיט הארץ.

III.

זי פערשטעהט איהם ניט.

די מיידעלע, וועלכע פעטריק האט אזוי אונגאסטפריינדליך עמפפאנגען, איז געוועזען די איינציגע טאכטער פון דעם ארענדאר יאקולסקי, א שכן פון די פאפעלסקים. העהר יאקולסקי און זיין גוייב זיינען שוין ביידע געוועזען לאנג איבערגעבליהט ווען זיי האבען זיך פערהייראטעט און עס איז ניט קיין גוזמא צו זאגען, אז ווען זיי זיינען געשטאנען אונטערן חופה זיינען זיי ביידע צוזאמען געוועזען א יאהר הונדערט. געליעבט האבען זיי זיך געהאט שוין פון יאהרען, מעהר נישט זיי זיינען אלץ געוועזען צו וועניג בעמיטעלט צו נעהמען לעבען אנשטענדיג בהרחבה אונטער איין דאך און צו שטעלן צו הייראטען אויף א געדריקטען לעבען.

פון דיעזע לאנג-פערצויגענע ליעבע איז די מיידעלע געוועזען די פערשפעטיגטע און איינציגע פרוכט. צווישען זיי ביידען אללען, מיט זיי און פאר זיי, איז זיך אויסגעוואקסען א ניטהויכע, ליעבענסווירדיגע מיידעלע מיט א לאנגען צאפ, מיט בלויע אויגען, א געלאסענע, געזעצטע, קליינע ווירטהין, ערנסט און סאליד. זי האט, דאס איז אמת, קיינמאל ניט געוויינט פון אנדערע קינדער און האט זיך זאגאר געשפיעלט מיט זיי, אבער ניט ווי א קינד מיט קינדער, זאנדערן ווי איינע וועלכע איז אליין אייגענטליך צו אלט פאר אזעלכע נארישקייט און טוט דאס נור צוליעב די יונגע חברה. זי האט ווירקליך מעהר הנאה געהאט פון זיין פאר זיך, שפאצירענדיג, קלייבענדיג בלומען, זיך אונטערהאלטענדיג מיט איהר לאלקע און דאס אלעס מיט אזא ערנסטען פנים, אז מי האט געקענט מיינען, אז דאס געהט ארום ניט א קליינע מיידעלע, נור עפים א ניט-דערוואקסענע ווייבעלע.

דעם טאג, נאך דעם ווי פעטריק האט איהר אבגעבריהט, איז ער ווידער געזעסען אויף דעם זעלביגען בערגעל און האט זיך דערמאנט אן זיין נעכטיגען אונגעבעטענעם גאסט. אין דער ערינערונג איז שוין אבער ניט געוועזען די פערדריסליכקייט פון דעם ערשטען שלעכטען איינדרוק. ער האט, פערקעהרט, געוואלט ווידער הערען

דיעזע אַנגענעהמע רוהיגע שטיממע, וועלכֿע איז געוועזען פֿיעל זיסער ווי די קולות פֿון אַנדערע קינדער וואָס ער האָט געקענט. אָבער זי איז נאָך אַמאָל צו איהם ניט געקומען ניט דעם טאָג און ניט די נעכֿסטע צוויי טעג. ערשט אויף דעם פֿיערטען טאָג האָט זיין שאַרפֿער אויער ווידער דערהערט ניט ווייט פֿון זיך איהר טריט.

„הערט! זייט איהר דאָס ווידער דאָ?" האָט ער איהר געפֿרעגט.

זי האָט ניט געענטפֿערט. די שטיינדלעך פֿון ברעג האָבען זיך געגריזשעט אונטער איהרע פֿים. זי אַליין האָט זיך ווייטער אונטער נאָז געזונגען אַ ליעד און ער האָט פֿערשטאַנען, אַז זי האָט נאָך ניט פֿערגעסען זיין בעליידיגונג. פֿון דעסטוועגען האָט זי זיך אָבגעשטעלט, ווען זי איז געוועזען אָבגעגאַנגען עטליכֿע טריט, איבערקלייבענדיג אין די קליינע הענטלעך אַ בוקעט פֿון פֿעלדבלומען. ענדליך האָט זי איהם געענטפֿערט, אָבער אום איהם צו ווייזען אַז צווישען זיי קען קיין חבר-לאַוועך ניט זיין, האָט זי איהם געאיהרצט.

— „זעהט איהר דען ניט, אַז דאָס בין איך?" האָט זי געזאָגט.

דיעזע איינפֿאַכֿע פֿראַגע האָט ביי דעם אָרימען בלינדען קינד אויפֿגעוועקט אַ שמערץ אין האַרצען. אַ ווײלע איז פֿערגאַנגען אין אַ שטומע פּאַנטאָמינע. דערווייל איז ביי די מיידעלע עטוואָס איבערגעגאַנגען דאָס הערצעל און זי האָט איהם מיט אַ פֿריינדליכֿען טאָן און זאָגאַר שוין פער „דו" געפֿרעגט:

— „ווער' האָט דיך אויסגעלערנט אַזוי שעהן שפּיעלען?".

„יאָכֿים האָט מיך געלערנט".

— „זעהר גוט. און ווארום ביסטו אַזאַ בייזער?".

„איך בין גאָר ניט בייז אויף אייך" (דיעזע ווערטער זיינען אויסגעשפּראָכֿען געוואָרען זעהר שטילל).

— „אויב אַזוי בין איך אויף דיר אויך ניט בייז. קום לאָמיר זיך שפּיעלען".

ער האָט אַראָבגעלאָזען דאָס קעפּעל, און האָט אַרויסגעשטאַמעלט די ווערטער:

„איך קען זיך מיט אייך ניט שפּיעלען״.

— „דו קענסט זיך ניט שפּיעלען? ווארום?״.

„ווייל איך קען ניט״.

— „דאָך אַזוי?״.

„איך קען ניט״. ער איז נאָך טרויעריגער געוואָרען. דאָס איז געוועזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, ווען ער האָט געהאַט צו רעדען וועגען זייגע בלינדהייט. איהרע אונשולדיגע פראַגען האָבען איהם זעהר שמערצליך בעריהרט.

— „דו ביזט אַ מאָדנער אינגעל״ — האָט זי געזאָגט מעהר מיט רחמנות ווי מיט כעס, און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהם אויפ'ן גראָז. „דו שרעקסט זיך געוויס פאַר מיר — האָט זי פאַרגעזעצט — ווייל דו קענסט מיך ניט. ווען מיר וועלען בעקאַנט ווערן וועסטו זיין מיט מיר אַנדערם. איך שרעק זיך פאַר קיינעם ניט׳. וועהרענד זי האָט גערעט האָט ער געהערט ווי זי האָט אַריינגעוואָרפען צו זיך אין שוים די בלומען.

„וואו האָט איהר גענומען דיזע בלומען?״.

— „דאָרטען״. האָט זי אַ מאַך געטאָן צוריק מיט'ן קאָפּ.

„אויפ'ן לאָנקע?״.

— „ניין, דאָרטען — אָן״.

„הייסט עס אין וועלדעל? [illegible] זיינען דאָס פאַר אַ בלומען?״.

— „פערשטעהסט דו זיך דען ניט אויף בלומען? דו ביסט ווירקליך אַ מאָדנער אינגעל״.

פעטריק האָט אַריינגענומען די בלומען אין האַנד, האָט זיי שנעל אַרומגעטאַפּט און האָט איהר געזאָגט וואָס זיי זיינען. וועלענדיג אויף דעם זעלבען אופן בעקאַנט ווערן מיט זיין נייע פריינדין, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנד אויף איהר שולטער און האָט מיט די רעכטע האַסטיג אַרומגעטאַפּט איהר פּנים, צייטענווייז זיך אָב־שטעלענדיג אויף אַ רגע אום איינצושטודירען די אונבעקאַנטע געזיכטסציגע.

דאָס מיידעלע איז צומישעלט געוואָרען. זי האָט אויף איהם

א ווילדען בליק געגעבען און האט צום ערשטען מאל בעמערקט, אז ער קוקט ניט ווי אלע מענשען. מיינענדיג, אז ער האט אויף איהר אויסגעשטעלט אזא פאאר אויגען אום איהר איבערצושרעקען, האט זי האסטיג בעפרייט איהר שולטער פון זיין האנד און האט זיך אויפגעהויבען.

— „אה, דו פאסקודנער אינגעל! — האט ז׳ מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט — וואס האב איך דיר געטאן וואס דו שרעקסט מיך אזוי? זאג, וואס?".

און זי איז ארונטערגעלאפען פון בערגעל

IV.

ענדליך פערשטעהט זי.

פעטריק, בעליידיגט און פערוואונדערט ביז טיעף אין הארצען אריין, איז אנידערגעפאלען אויפ׳ן גראז און האט זיך פאנאנדערגעוויינט אויפ׳ן קול. דער געוויין איז געווארען שטארקער, די שמערצליכע צוקונגען האבען געטרייסעלט זיין גאנצען קערפער, איבערהויפט וויל זיין איינגעבארענער שטאלץ איז געוועזען אזוי גרויס, אז איהם האט זיך געוואלט, ניט ארויס-ווייזען זיין שמערץ, אונטערדריקען זיינע געפיהלען.

דאס מיידעלע, דערהערענדיג פון או.טערן בערגעל דעם געוויין, האט זיך אומ.קעהרט זעהר פערוואונדערט. זי האט איהם געפונען ליעגענדיג מיט׳ן געזיכט צו דער ערד.

„הער, וואס וויינסטו? דו מיינסט אפשר אז איך וועל געהן אויף דיר מסר׳ן? וויין ניט, איך וועל קיינעם גארניט זאגען".

איהר פריינדליכער טאן האט איהם נאך מעהר אויפגערעגט. זי אבער האט זיך אינצווישען צו איהם איינגעבויגען, האט איהם גענומען גלעטען די האאר און ווי א מאמע, ביי וועלכע עס געהט איבער דער כעס צו א בעשטראפטען קינד, האט זי אויפגעהויבען

זיין קעפּיל און האָט איהם מיט איהר טאַשענטיכעל אויסגעווישט די אויגען.

„נו, נו, הער אויף! האָט זי צו איהם געזאָגט רעדענדיג פּונקט ווי אַ דערוואַקסענע פּרזאָן — איך בייזער זיך שוין לאַנג ניט מעהר אויף דיר; זעה איך דאָך אַז דיר פערדריסט וואָס דו האָסט מיך איבער-געשראָקען״ . . .

— „איך האָב דיך גאָרניט געוואָלט איבערשרעקען, — האָט ער געזאָגט אַרויסלאָזענדיג אַ שווערן זיפץ און איהר צום ערשטען מאָל דוצענדיג.

„גוט נו, איך בין אויף דיר ניט אין כעס, דו וועסט דאָך דאָס מעהר ניט טאָן, ניין?״

ניט וואַרטענדיג אויף זיין ענטפער, האָט זי איהם אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט איהם אַוועקגעזעצט לעבען זיך.

ער האָט זיך געלאָזען. איצט איז ער געזעסען ווי פריהער מיט׳ן געזיכט צו דעם זונען-אונטערגאַנג. דאָס מיידעלע האָט פון ד ם נייע אַ בליק געטאָן אויף זיינע אויגען וועלכע זיינען איהר נאָך א ן פאָרגעקומען עטוואָס שרעקליך. זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַ ט ן און האָט צו איהם געזאָגט:

„ווייסטו? דו ביסט פאָרט זעהר אַ . . . אַ מאָדנער אינגעל״.

— „ניין, דאָס בין איך ניט — האָט פּעטריק געענטפערט, מיכענ- דיג אַ ריהרענדע מינע — אָה, ניין! איך בין נור . . . נור אַ בלינדער ן׳.

„אַ בלינ—דער?״ האָט זי אויסגערופען מיט אַ ציטערנדע שטימע, אַזוי ווי דיעזעס טרויעריגע וואָרט, וועלכעס איהר פריינד האָט אַזוי רוהיג און שטיל אויסגעשפּראָכען, וואָלט עפּעס דורכגע- שטאָכען איהר קליין ווייבערשע הערצעלע. — אַ ב . . . בלינדער ?״ האָט זי ווידערהאָלט מיט נאָך אַ גרעסערע ערשיטערונג אין דער שטימע און איהם אַרומנעהמענדיג אַרום האַלז מיט איהרע הענטליך האָט זי צוגעבראָכט איהר געזיכט צו זייגעם.

די שרעקליכע ענטדעקונג וועלכע זי האָט נור-וואָס געמאַכט האָט איהר שטאַרק אויפגערעגט. אָבגלייך אַ פוואַט אַ מיידעל האָט זי פערלאָרען דעם כח איבער זיך אַליין און וויינענדיג מיט אַמאָל

אַן אונבעהאָלפֿענעס קינד האָט זי זיך איצטער פֿאַנאַנדערגעוויינט, גיסענדיג הייסע געפֿיהלפֿאָללע טרערין.

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE J. C. R.

V.

אַן אונטערהאלטונג

עס זיינען פֿערגאַנגען עטליכע מינוט אָהן ווערטער פֿון ביידע צדדים.

דאָס מיידעלע האָט אויפֿגעהערט צו וויינען, נור ביסלעכווייז חליפענדיג אין דער שטילל. מיט די פֿערטרערטע אויגען האָט זי געזעהן ווי די זונן געהט אונטער. פֿון טייך האָט גענומען ציעהען א לייכטע קעלט און די פריעדליכע שטילקייט פֿון אָווענד האָט זיך אָבגעשפיגעלט אויף דעם בלינדען'ס געזיכט. פעטריק איז געזעסען מיט אַן אַראָבגעלאָזענע קאָפּ, פֿערוואונדערט ווי עס שיינט, איבער דעם אויסדרוק פֿון הייסען מיטגעפֿיהל, וועלכע ער האָט געזעהן פֿון זיין קליינע פֿריינדין.

„עס טוט מיר אַזוי לייד" — האָט זי געזאָגט ווי איינע וועלכע פֿיהלט אַז עס איז ניט שעהן געוועזן פֿון איהר אַ דערוואַקסענע פערזאָן צו חליפענען ווי אַ קינד. שפעטער אַ ווײַלע, זיך פֿיהלענדיג שטאַרקער, האָט זי פראָבירט רעדען פֿון גלייכגילטיגע זאַכען.

„די זונן איז אונטערגעגאַנגען", — האָט זי בעמערקט.

— „איך ווייס ניט וואָס די זונן איז — האָט פעטריק, נאָך אימער ניט אין גאַנצען ערהאָלט, געענטפֿערט — איך קען די זונן ניט פֿיהלען".

„אָבער ויסען וואָס זי איז ווייסטו?".

— „ניין".

„און דיין מאַמע קענסטו?".

— „די מוטטער יאָ. איך דערקען אימער פֿון ווייטען איהר גאַנג. יאַ, יאַ, דאָס איז אמת. איך דערקען מיין מוטטער אויך מיט פֿערמאַכטע אויגען".

דאָס געשפּרעך איז געוואָרען רוהיגער.

— „דו ווייסט ? — האָט פּעטריק זיך אָבגערופען, — איך פיהל פון דעסטוועגען די זונן און ווייס וויין זי גייט אונטער".

„ווי אַזוי ווייסטו דאָס ?".

— „דערפאַר, פערשטעהסטו, ווייל . . . ווייל . . . איך ווייס ניין ניט ווי אַזוי".

„אַ—אַ !" האָט דאָס מיידעלע אַרויסגעשטאַמעלט גאַנץ בעפריע־דיגט מיט פּעטריק׳ס ענטפער.

— „איך קען לעזען, — האָט ער פון דאָס נייע אָנגעהויבען אַ געשפּרעך — און וועל באַלד קענען שרייבען מיט אַ פעדער אויך".

„אָבער ווי אַזוי ?" . . . האָט זי גענומען פרעגען און האָט זיך פערכאַפּט אום דאָס „קינד" ניט צו קרענקען. ער האָט אָבער פער־שטאַנען.

— „איך לייען אין מיין אייגענעם ביכעל מיט די פינגער" — האָט ער איהר ערקלערט.

„מיט די פינגער ? איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקענט אויס־לערנען לייענען מיט די פינגער. איך לייען אַזוי אויך ניט גוט. דער פאָטער זאָגט אַז די וויסענשאַפט איז פאַר ווייבער שווער צו פערשטעהן".

— „און איך, זעהסטו, קען זאָגאַר לייענען אויף פראַנצויזיש".

„אָה, דו ביסט אַ וואווילער !" — האָט זי מיט עהרליכע ענט־ציקונג אויסגערופען. — „פון דעסטוועגען האָב איך מורא דו זאָלסט זיך ניט פערקיהלען. אַ גרויסער טומאַן אויפ׳ן טייך !".

— „און דו אַליין ?".

„איך האָב ניט קיין מורא, וואָס קען מיר פאַר אַ בייז געשעהן ?".

— „נו, האָב איך אויך קיין מורא ניט, איז דען מעגליך אַז אַ מאַנסביל זאָל זיך פערקיהלען גיכער ווי אַ פרויענצימער. פעטער מאַקסים זאָגט אַז אַ מאַן דאַרף זיך פאַר קיין זאַך ניט שרעקען, ניט פאַר הונגער, ניט פאַר קעלט, ניט פאַר׳ן דונער, ניט פאַר וואָלקענס".

„מאַקסים? דו מיינסט דער וואָס געהט אויף קוליעס? איך קען איהם, ער איז שרעקליך".

— „ער איז אַ ברעקעל ניט שרעקליך, ער איז זעהר אַ גוטער".

„אָה, ניין! ער איז שרעקליך. דו ווייסט ניט ווייל דו האָסט איהם קיינמאָל ניט געזעהן".

— „איך ווייס גאַנץ גוט. ער לערנט מיר אַלעס".

„און שלאָגט?"

— „קיינמאָל ניט. ער שרייט אפילו ניט אויף מיר... קיינמאָל ניט".

„דאָס איז גוט פון איהם. ווער וועט שלאָגען אַ בלינדען אינגעלע? דאָס וואָלט זיין אַ זינד".

— „ער שלאָגט איבערהויפּט קיינעם ניט".

די לעצטע ווערטער האָט ער אויסגעשפּראָכען צערשטרייט, ווייל זיין שאַרפער אויער האָט דערהערט יאָכים'ס טריט.

יאָכים'ס שטימע האָט זיך באַלד אויך דערהערט

„פאַ-ני-טשו-או-או!" האָט ער געשריען.

„מי רופט דיך" האָט די קליינע געזאָגט.

— „איך ווייס, אָבער מיר ווילט זיך ניט געהן".

„געה, געה. איך וועל מאָרגען צו דיר ווידער קומען. אויף דיר וואַרט מען איצט און אויף מיר אויך".

VI.

די קומט צו-גאַסט.

דאָס מיידעלע האָט איהר וואָרט ווירקליך געהאַלטען און איז זאָגאַר געקומען פריהער ווי פעטר ק האָט געדאַרפט ערוואַרטען. נאָך איידער ער האָט געהאַט געענדיגט זיין געוואוינלכע לעקציאָן האָט ער דערהערט אַ טריט אין צימער וועלכע האָט איהם אָבגעשטעלט און מיטען לערנען.

„לאָז מיך אָפּ אויף אַ מינוט — האָט ער געזאָגט צו פּעטער מאַקסים — דאָס מיידעלע איז געקומען".

— „דאָס מיידעלע? וואָס פאַר אַ מיידעלע?" האָט דער פּעטער מאַקסים פערוואונדערט געזאָגט און איז פּעטריקן נאָכגעגאַנגען צו דער טהיר.

דאָס קליינע מיידעלע איז ווירקליך נאָר-וואָס אַריינגעקומען אין טויער וואו זי האָט בעגעגענט מאַדאַם פּאָפּעלסקי, צו וועלכע זי ... פריי צוגעגאַנגען.

„וואָס דאַרפסטו, ליעבעס קינד? האָט יענע געפרעגט מיינענדיג, אַז מי האָט איהר נאָך עטוואָס געשיקט.

דאָס קליינע מיידעלע האָט איהר זעהר ערנסט דערלאַנגט די האַנד און האָט געפרעגט:

„דאָס איז דאָך ביי אייך דאָ דער בלינדער אינגעלע, ניין?"

„ער איז מיינער, ליעבסטע, מיינער, יאָ!" — האָט מאַדאַם פּאָפּעלסקי געענטפערט קוועלענדיג פון דעם מיידעל'ס פרייע בענעהמען און איהרע קלאָרע פיינע אויגען.

— „נו, זעהט איהר, מיין מאַמאַ האָט מיר ערלויבט צו קומען צו איהם. קען איך איהם זעהן?".

אין דיעזעם אויגענבליק איז פּעטריק אַליין צוגעלאָפען צו איהר און אויפ'ן פּלינעל האָט זיך בעוויזען פּעטער מאַקסים אויך.

בעגריסענדיג זיינע פריינדין, האָט פּעטריק געזאָגט צו זיין מוטטער:

„דאָס איז דאָס נעכטיגע מיידעלע, מאַמאַ; איך האָב דאָך דערצעהלט". און זיך ווענדענדיג צו די קליינע, האָט ער בעמערקט: „מעהר נישט איך האָב איצט מיין לעקציאָן".

— „דער פּעטער וועט דיך דיעסמאָל פריילאָזען, איך וועל איהם בעטען" — האָט די מוטטער איהם בערוהיגט.

אינצווישען איז די קליינע צוגעגאַנגען צו פּעטער מאַקסים, וועלכער האָט זיך געקליבען צו איהר אויף זיינע קוליעט, מיט דעם מאַן פון אַ מענשען, וועלכער האַלט פאַר נעטיג אויסצודריקען

זיינע צופריעדענהייט מיט אן אנדערנ'ס אויפפיהרונג, האט זי צום אלטען סאלדאט געזאגט:

„עס איז זעהר שעהן פון אייך וואס איהר שלאגט ניט דעם בלינדען אינגעלע. ער האט מיר דערצעהלט".

דער אלטער האט אריין-גענומען איהר אויסגעשטעלטע הענטעלע אין זיינע און האט געענטפערט, רעדענדיג זעהר וואזשנע און העפליך:

— „ווירקליך, מאדאם? איך בין מיינעם שיללער זעהר דאנקבאר דערפאר, וואס ער האט מיר איינגעקויפט ביי אזא ליעבענסווירדיגע פערזאן".

און דער פעטער האט זיך פארנאנדערגעלאכט, זעהר פריינדליך גלעטענדיג דאס הענטעלע, וועלכע ער האט געהאלטען. דאס מיידעלע, פון איהר זייט ווידער, האט פון דעם אלטען ניט אראבגעלאזען איהר פראנקען בליק, וועלכער האט אין גאנצען איינגענומען דעם געוועזענעם גאריבאלדיסט'ס פערהארטעוועטע הארץ.

„זעה נור, אנוסיא, — האט ער געזאגט צו זיין שוועסטער שמייכלענדיג, — אונזער פעטער הויבט אן צו מאכען גאנץ אליין בעקאנטשאפטען. און דו מוזט צוגעבען, אנניא, אז זיינע בלינדהייט האט איהם ניט געשטערט צו מאכען א גוטע אויסוואהל, ניין"?

— „וואס מיינסטו דערמיט, מאקס?" האט זי געענטפערט, רעדענדיג זעהר שטרענג און אויף איהר פנים האט זיך בעוויזען אן אויפגערעגטע רויטקייט.

„הא, איך מאך שפאס!" — האט ער געבורבעלט. ער האט זיך געכאפט, אז זיין בעמערקונג האט בעריהרט א קראנקע סטרונע אין דאס הארץ פון א מוטער, וועלכע בליקט אריין אין איהר אונגליקליכען קינד'ס צוקונפט מיט א שווערען געמיטה.

מאדאם פאפעלסקי איז נאך איהר ברודער'ס ענטפער נאך רויטער געווארען און האט מיט גרויס ליעבע אריינגענומען דאס קליינע מיידעלע אין איהרע ארמס. דאס קינד האט די אונערווארטעטע צערטליכקייט עמפפאנגען מיט איהר געוועהנליכען קלארען, אבער פערוואונדערטען בליק.

VII.

די פֿריינדשאַפֿט וואַקסט.

פֿון יענעם טאָג אָן זיינען די ביידע פֿאַמיליען — מאַדאַם פּאָפּעלסקי און איהר שבֿן׳ס דעם אַרענדאַר יאַקולסקי׳ס — געוואָרען בעפֿריינדעט. דאָס מיידעלע, עוועלינע האָט זי געהייסען, האָט אַלע טאָג בעזוכֿט איהר יונגען פֿריינד און, אַ קורצע צייט שפּעטער, איז זי געוואָרען פּעטער מאַקסים׳ס אַ שיללערין לערנענדיג צוזאַמען מיט פּעטריקען. דער אַלטער יאַקולסקי האָט זיך אפילו אין אָנהויב געשראָקען פֿאַר׳ן אַלטען אפיקורס, אָבער ער האָט אַם ענדע צוגעגעבען, אַז די קינדער זאָלען ערצויגען ווערן צוזאַמען ביים פּעטער.

דער צוזאַמען-לערנען האָט זיך באַלד ארויסגעשטעלט זעהר ניצליך פֿאַר ביידען. פּעטריק האָט אפילו געוואוסט מעהר ווי זי, אָבער, וועהרענד ער האָט איהר געהאָלפֿען אויסלערנען די לעקציאָנען, האָט זי, פֿון איהר זייט, איהם אָפֿט זעהר קונציג ערקלערט פֿיעלע זאַכֿען, וועלכֿע ער, אַלס בלינדער, וואָלט אַליין ניט פֿערשטאַנען. אויך האָט ער געלערנט מיט אַנאַנדער געפֿיהל, ווי פֿריהער.

איבערהויפּט איז די פֿריינדשאַפֿט מיט די קליינע עוועלינע געוועזען דאָס גרעסטע גליק וואָס איהם האָט געקענט טרעפֿען. ער האָט איצט שוין ניט מעהר געזוכֿט צו זיין אַליין און אָבגעזונדערט. אין איהר געזעלשאַפֿט האָט ער געפֿונען דאָס, וואָס די ליעבע פֿון ערוואַקסענע האָט איהם ניט געקענט געבען און פֿון איצט אָן איז ער שוין ניט אויסגעגאַנגען צום בערגעל, צום טייך אָהן איהר. דאָרטען פֿלעגט ער אָפֿט זיצען מיט זיין פֿריינדין נעבען זיך. ער פֿלעגט שפּיעלען אויף דער פֿייפֿעל און זי פֿלעגט מיט ענטציקונג האָרכֿען, דאַגעגען פֿלעגט זי איהם נאַכֿהער איבערגעבען אַלעס דאָס, וואָס איהר אויג פֿלעגט בעטראַכטען אַרום און אין דער נאַטור. עס איז לייכֿט צו פֿערשטעהן, אַז איהר האָבען אָפֿט געפֿעהלט די ריכֿטיגע ווערטער אויסצודריקען אַלעס וואָס זי האָט געזעהן, דערפֿאַר אָבער האָט דער טאָן פֿון איהר ערצעהלונג, די פֿרישקייט פֿון איהר רעדען — געגעבען דעם בלינדען אַ ריכֿטיגע כֿאַראַקטעריסטיק פֿון דאָס, וואָס זי האָט

איהם בעשריבען. אַזוי, צום ביישפּיעל, ווען זי האָט גערערט וועגען די פינסטערקייט פון די קאַלטע שוואַרצע נאַכט, האָט ער דאָס גאַנצע פינסטערניש אַזוי ווי געהערט אין די איינגעהאַלטענע, עטוואָס דערשראָקענע טענער פון איהר קינדערשע שטיממע. דעסטגלייכען, ווען זי האָט צו איהם געזאָגט, אויפהויבענדיג איהר פערטראַכטעטען פנים: „אָך, וואָס׳ר אַ וואָלקען דאָרטען געהט, וואָס׳ר אַ שוואַרצער, שוואַרצער וואָלקען!" — האָט פעטריק גלייך געפיהלט עפּעס אַ קעלט און האָט אין איהר שטיממע געהערט ווי עטוואָס שאַרט זיך און קריכט אויבען איבער׳ן הימעל.

ענדע פון דעם דריטען טהייל.

פיערטער טהייל.

I.

וואס פעהלט איהם איצט?

עס זיינען פאַראַנען מענשען, וועלכע שיינען צו זיין בעשטימט פון דעם ערשטען קינדהייט אויף צו ליעבען, זאָרגענדיג פאַר אַנדערע און נעהמענדיג אַ׳ן אַנטהייל אין אַלע זייערע ליידען. זיי שיינען אָהן דעם ניט צו קענען לעבען און מי וואָלט זאָגען, אַז די נאַטור האָט זיי אַבזיכטליך דערצו געגעבען דעם סאָרט געלאַסענקייט, וועלכער איז נעטיג אום צו קענען עטוואָס אויפטאָן אין לעבען; אַז זי, די נאַטור, האָט ביי זיי אַבזיכטליך אָבגעשוואַכט די פערזענליכע, די אייגענע געלוסטען און ווינשע, אום אַז זיי זאָלען קענען בעסער דיענען דעם אַנדערן.

ווען איהר זעהט אַזעלכע פערזאָנען, דוכט זיך אייך אויפ׳ן ערשטען בליק אַז זיי זיינען קאַלטע מענשען, אָהן געפיהל, צו-בעראַכט,

אָבער זיי זיינען נור טויב צו די הייסע ליידענשאַפטען און געהען זיך רוהיג זייער וועג, טוענדיג זייער פפליכט דורך פריידען און ליידען. זיי שיינען קאַלט ווי די שנעע-בעדעקטע הויכע בערג און זיינען, ווי דיעזע בערג, גרויס און ערהאַבען. דער שמוץ פון דעם טעגליכען לעבען קלעבט זיך ניט אָן אָן זייערע פיס און זאָגאַר רכילות און לשון-הרע שאָקלען זיך אָב פון זייער שנעע-ווייסע אונשולד ווי דער בלאָטיגער שפריץ פון די פליגלען פון אַ שוואַן.

פעטריקס בעקאַנטע איז געוועזען איינע פון דיעזע נאַטורען. זי האָט בעזעסען אַלע דיעזע אייגענשאַפטען, וועלכע דאָס לעבען אַליין, דאָס לעבען און די ערציהונג אַליין, אַרבייטען זעלטען ווען אויס. אַזאַ כאַראַקטער איז, ווי טאַלענט, ווי זשעניע, אַ זאַך וועלכע נור ווענינע, אויסגעקליבענע נאַטורען האָבען און אַ זאַך וועלכע בעווייזט זיך זעהר פריה אין דער יוגענד.

דעם בלינדען אינגעלע׳ס מוטטער האָט גלייך פערשטאַנען וואָס פאַר אַ גליק איהם איז דאָ צופעליג געשעהען. דאָס האָט אויך פער-שטאַנען פעטער מאַקסים, וועלכער האָט זאָגאַר געמיינט, אַז איצט פעהלט זיינעם שילער שוין גאָר נישט; אַז זיין גייסטיגע ענטוויקלונג וועט איצט געהען אַ שטילען גלייכען גאַנג, דורך קיין שום זאַך ניט מעהר געשטערט.

אָבער דאָס איז געווען אַ ביטערער טעות.

אויך איז דאָס ניט געווען פעטער מאַקסים׳ס אַ נייער טעות. ווען פעטריק איז נאָך געוועזען אַ גאַנץ יונגעס קינד, האָט דער פעטער געמיינט אַז ער וועט איהם מאָדעללירען נאָך זיין אייגענעם וואונש נאָך. אָבער ווען פעטריק איז געקומען אין די יאָהרען ווען מ׳ווערט פון אַ יונגעלע אַ יונגעל, האָט דער לעהרער אָפט געמוזט צוגעבען, אַז זיין וואונש קען אין גאַנצען ניט מקוים ווערן. כמעט יעדע וואָך האָט מיט זיך געבראַכט עטוואָס וועלכעס האָט צומישט זיינע חשבונות. למשל:

איין מאָרגען איז פעטריק געקומען צולויפען זעהר אויפגערעגט צו זיין מוטטער.

„מאַמאַ, מאַמאַ! — האָט ער אויסגעשריען — איך האָב געזעהען אַ חלום!".

— „געזעהען, געזעהען האַסטו? וואָס האָסטו געקענט זעהען, מיין טייער קינד?" האָט זי געפרעגט מיט אַ טרויעריגען געפיהל.

„מיר האָט זיך געחלומ'ט, איך האָב געזעהען דיך און דעם אָנקעל און . . ."

— „וואָס נאָך?"

„איך געדענק גאָרנישט".

— מיך אויך. געדענקסטו מיך?"

„ניין!" ער איז פערטראַכט געוואָרען און האָט דאַן צוגעבורבעלט די ווערטער: האָב אַלעם פערגעסען . . . אָבער געזעהען האָב איך, ווירקליך מאַמאַ . . ."

דאָס האָט זיך ווידערהאָלט איינינע מאָל און יעדעס מאָל איז דער יונגע געוואָרען אַלץ אומעדיגער און אויפגערעגטער.

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE S. C. R.

II.

אוואונדערבארע פראָבע.

אַ קורצע צייט שפעטער האָט פעטער מאַקסים זיצענדיג אין גאָרטען געהערט אַן אונגעוועהנליכע אַרט מוזיק אַרויסקומענדיג פון דעם צימער וואו דער פיאַנא איז געשטאַנען. דאָס שפּיעלען איז בעשטאַנען פון ניט מעהר ווי צוויי נאָטען: די ערשטע אַ הויכע אַזוי האַסטיג געשפיעלט אַז דאָס זאָל פאָרשטעלען אַ אונטערבראָכענעם שנעלען דינג-דינג-דינג און די צווייטע נאָטע אַ באַס-שטימע געשפיעלט אויף דעמזעלביגען אופן צו דעם זעלביגען צוועק.

פערוואונדערט, קלערענדיג וואָס דאָס קען האָבען צו בעדייטען, איז מאַקסים צוגעגאַנגען צום הויז. ווי ערשטוינט איז ער געוועזען צו זעהן, שטעהענדיג אויף דעם שוועל פון דער זאַאַל-טהיר, אַזאַ מין סצענע:

פעטריק, וועלכער איז איצטער שוין געוועזען אין זיין צעהנטען

יאָהר, איז געזעסען אויף אַ ניעדעריגען שטול לעבען זיין מוטטער. לעבען איהם, וויעדער, איז געשטאַנען אַ צאַהמער שטאָרך, בעוועגענדיג זיין לאַנגען האַלז אַהין און צוריק. דעם פויגעל האָט יאָכים אַ קורצע צייט פריהער געשענקט פעטריקען, און דער יונגע האָט איהם יעדען טאָג געפיטערט מיט זיינע אייגענע הענד, און מיט-גענומען יעדעס מאָל ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירען. ער האָט איצט געהאַלטען דעם שטאָרך מיט איין האַנד און האָט מיט די אַנדערע לאַנגזאַם געגלעט, עפּיס אַזוי ווי עטוואָס זוכענדיג, זיין האַלז און דעם קערפּער. דערביי האָט ער אויסגעזעהן זעהר אויפמערקזאַם ווי איינער וואָס איז פערטאָן אין אַ וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונג. וועהרענד פעטריק איז געוועזען אויף דעם אופן בעשעפטיגט איז די מוטטער געזעסען איינגעבויגען איבער איהם, די באַקען רויט פון אויפרעגונג, די אויגען בליסצענדיג, און שפּיעלענדיג די אויבען-בעשריבענע נאָטען; ווי דער פעטער האָט זיי געהערט: צוערסט, דינג-דינג-דינג אויף אַ הויכע נאָטע זעהר האַסטיג וועלכעס האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג ווי פעטריקס האַנד האָט געגלעט די ווייסע פעדערן אויף דעם שטאָרך'ס האַלז און דאַן אריבערשפּרינגענדיג צו דער אַנדערן זייט פון דעם פּיאַנא און האַסטיג שפּיעלענדיג אַנאַנדער דינג-דינג-דינג אין אַ דיקע באַס-שטימע גראַדע אין דעם אויגענבליק ווען דעם קינד'ס האַנד איז צוגעקומען צו די שוואַרצע פעדערן אויף דעם שטאָרך'ס פליגלען.

ביידע, אי די מוטטער אי דער זון, זיינען אַזוי פערטיעפט געוועזען אין זייער בעשעפטיגונג אַז זיי האָבען ניט בעמערקט דעם פעטער'ס אַריינקומען. ער אָבער, ווען זיין ערשטער פערוואונדערונג איז געוועזען איבערגעגאַנגען, איז צו געקומען נעהנטער:

„אַננוסיאַ — האָט ער געזאָגט — וואָס האָט דיעזעס אַלעס צו בעטייטען?"

מאַדאַם פּאָפּעלסקי איז רויט געוואָרען ווי אַ שול-מיידעל וועלכע דער לעהרער כאַפּט עפּעס אָבטוענדיג אַן אַקט.

— „זעהסט, מאַקס — האָט זי געענטפערט זיך ענטשולדיגענדיג — פעטריק זאָגט אַז ער קען פיהלען אַ געוויסען אונטערשיעד

צווישען די ווייסע און די שוואַרצע פּעדערן פון דעם שטאָרך. אָבער ער קען זיך ניט ערקלערען אין וואָס דער אונטערשיעד בעשטעהט. גלויב מיר, ער אַליין איז געקומען אויף דעם געדאַנקען צו מאַכען דיעזע פּראָבע און איך מיין, אַז דאַרין איז דאָ עטוואָס זין".

"אָבער איך פערשטעה ניט..."

— "וואַרט אַן אויגענבליק. הער מיך אויס. איך האָב איהם געוואָלט ערקלערען דעם אונטערשיעד אין די מוזיקאַלישע טענער. דאָס איז ניט אַזוי נאַרריש ווי דו מיינסט, מאַקס; איך גלויב אַז עס איז ווירקליך דאָ עטוואָס עהנליכקייט צווישען די ביידע..."

מאַקסים איז געוואָרען פעראינטערעסירט. ער האָט געבעטען זיין שוועסטער זי זאָל ווידערהאָלען די פּראָבע, אָבער ווען ער האָט געזעהן פּעטריק'ס פערטיעפטקייט און אויפרעגונג, האָט ער אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ אין גרויס אונצופריעדענהייט.

"הערצו, אַננוסיאַ, — האָט ער צו איהר געזאָגט ווען ער איז געוועזען מיט איהר אַליין — עס לוינט ניט אויפצווועקען אין פּעטריק'ס געדאַנקען אַזעלכע פראַגען, וועלכע קענען ניט פערענטפערט ווערן. וואָס ווייניגער מיר רעדען מיט איהם וועגען ליכט און אַנדערע אַזעלכע זאַכען צו וועלכע מי דאַרף אַ אויג איז אַלץ בעסער. איך וויל איהם אַזוי אויפהאָדעווען אַז איהם זאָל גראַדע אַזוי ווייניג ערגערן וואָס ער זעהט ניט, ווי אונז ערגערט וואָס מיר האָבען ניט אַ זעקסטען צו אונזערע פינף חושים".

זי האָט איהם פון דאַן אָן געפאָלגט, אָבער פּעטריק האָט ניט אויפגעהערט צו ווערלין זעהן.

III.

דער געפאַלענער שטערן.

עס האָט ווער עס איז געזאָגט, אַז די אויגען זיינען דער שפּיעגעל פון דער נשמה. פיעללייכט וואָלט געוועזען ריכטיגער צו זאָגען: זיי זיינען די פענסטער, דורך וועלכע עס פליעסען אריין אין דער זעעלע אַלע איינדריקע פון די העללע ליכטיגע פאַרבען-וועלט. זער ווייס ווי גרויס דער טהייל איז פון אונזער גייסטיגען שאַטץ,

וועלכֿער הענגט אָב פֿון דעם, וואָס מיר זעהען דאָס העללע ליכֿט?

זייענדיג אין אַלע אַנדערע פּרטים אַ גאַנצער, געזונדער און פֿעהיגער מענש, האָט פּעטריק איממער מעהר און מעהר געפֿיהלט, אַז די פֿענסטער פֿון זיין זעעלע זיינען פֿערמאַכֿט וואָס עלטער ער איז געוואָרען.

פֿעטער מאַקסים'ס אַנשטרענגונגען צו דערווייטערן פֿון איהם אַלע געדאַנקען וועגען זעהן און ניט-זעהן זיינען געווען אומזיסט. דער יונגע איז געוואָרען אַלץ אומעטיגער, אַלץ פֿערטראַכֿטער און ביסלעכֿווייז איז כמעט אין גאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען דער פֿרעהליכֿער קלינגענדער געלעכֿטער, וועלכֿען מי פֿלעגט פֿון איהם הערען אין זיינע ערשטע קינדערשע יאָהרען. עפֿטער האָט ער שטילערהייט געוויינט זייענדיג אַליין אין פֿעלד און ווען ער האָט גענומען שפּילען אויף דער פֿייפֿעל און האָט אָן אַלעם פֿערגעסען, האָט איהם אַזוי ווי געשטערט יעדער קול פֿון אַ ווייטיגען מענשען.

אין דער זעלביגען צייט איז זיין פֿריינדשאַפֿט מיט עוועליגען געוואַקסען וואָס פֿון טאָג. ניט נור ער האָט זיך געפֿיהלט גליקליכֿער אין איהר געזעלשאַפֿט, זאָנדערן זי, פֿון איהר זייט, האָט כמעט שוין אויך ניט מעהר געקענט לעבען אָהן איהם.

איין וואַרימען אָוונד אין הערבסט זיינען ביידע בעפֿריינדעטע פֿאַמיליען געזעסען אויפֿ'ן בריקעל פֿאַר'ן הויז, זיך לאָבענדיג מיט דעם הערליכֿען אָנבליק פֿון דעם אויסגעשטערנטען הימעל. ווי געוואוינליך איז פּעטריק געזעסען צוזאַמען מיט זיין פֿריינדין נעבען זיין מוטטער.

אויף אַ מינוט זיינען אַלע שטיל געבליבען, ארום הויז איז אַלעס געווען ווי איינגעשלאָפֿען. קיין זאַך האָט זיך ניט בעוועגט, חוץ די בלעטער פֿון די בוימער, וועלכֿע האָבען זיך האַסט ... מרייסעל געטאָן, האָבען עטוואָס געבורבעלט וואָס קיינער האָט ניט פֿערשטאַנען און זיינען ווידער שטיל געוואָרען.

אין דיעזען שטיללען אויגענבליק האָט זיך עפּעס אַ ריס געטאָן פֿון ערגעץ וואו אין דעם בלויען הימעל אַ שטערן, וועלכֿער האָט זיך בליץ-שנעל דורכגעטראָגען ווי אַ העללער שטריך אויבען אין דער לופֿט און איז פֿערלאָשען געוואָרען. מאַדאַם פּאָפּעלסקי, וועלכֿע האָט געהאַלטען פּעטריק'ס אָרם אין איהר איינענעם, האָט

געפֿיהלט אַז פּעטריק האָט זיך אַזוי ווי אויפֿגעכאַפּט און אַ טרייסעל געגעבען.

„וואָס איז דאָס... געוועזען?" — האָט ער געפֿרעגט מיט אַן אויפֿגערעגטען פּנים.

— „דאָס איז אַ שטערן געפֿאַלען, מיין קינד" האָט די מוטטער געענטפֿערט.

„יאָ, יאָ, אַ שטערן! — האָט ער פֿערטראַכטערהייט געבור-בעלט — איך האָב דאָס געוואוסט".

— „ווי אַזוי האָסטו דאָס געקענט וויסען, מיין ליעבער יונגע?" האָט זי איבערגעפֿרעגט מיט אַ שמערצליכען שמייכעל. עוועלינע האָט זיך אַריינגעמישט.

„דאָס זאָגט ער אייך די וואַרהייט — האָט זי מיט האַרץ בע-שטעטיגט — ער ווייס פֿיעל זאַכען... אָט „אַזוי".

IV.

געסט אין הויז.

עס זיינען פֿערגאַנגען עטליכע יאָהר.

אין פּאָפּעלסקי'ס הויז און אַרום איהר האָט זיך וועניג וואָס פֿער-ענדערט. די בוכהאָלץ-בוימער האָבען געבורבעלט ווי פֿריהער, מעהר ניט זייערע בלעטער האָבען אויסגעזעהן דונקעלער און געדיכטער. די ווייסע ווענד פֿון הויז האָבען נאָך איממער געמאַכט אַ פֿריינדליכען מכבּדים-אורח פּנים זיך לאַזענדיג זעהן דורך די צווייגען. די סטאַדאָלע איז געשטאַנען אויף אַן אָרט און פֿון איהר האָבען זיך נאָך אימער געהערט יעדער אָווענד יאָכים'ס מעלאָדיען. נור ער אַליין איז איצט געוועזען פֿיעל עלטער און ווען ער האָט געהאַט די מעגליכקייט האָט ער בעסער אַליין ניט געשפּילט און האָט זיך צוגעהערט צו דעם יונגען פּאַניטש'ס שפּיעלען אויפֿ'ן פּיאַנאָ ווי אויפֿ'ן פּייפֿעל.

פּעטער מאַקסים'ס האָאָר איז אינצווישען געוואָרען פֿאָלקאָמען ווייס. די פּאָפּעלסקי'ס האָבען מעהר קיין קינדער ניט געהאַט און

פעטריק איז געבליבען די הויפּטפּערזאָן אין הויז. צוליעב איהם האָט די גאַנצע פֿאַמיליע געלעבט, אָבגעשלאָסען פֿון יעדע געזעלשאַפֿט, שטילל רוהיג און אַליין פֿאַר-זיך נור ווען-ניט-ווען קריעגענדיג אַ בעזוך און נור בעזונדערס די שכנים זייערע.

אָבגעזונדערט פֿון דער וועלט, איז דער בלינדער געוואַקסען ווי אַ פּפֿלאַנצע אונטער אַ גלעזערנעם דאַך, פֿערהיט פֿון יעדען שטאַרקען ווינד, פֿון יעדען שלעכטען איינפֿלוס און ניט וויסענדיג ווי מענשען אין דער וועלט לעבען, מאַטערן זיך, ליידען און אַמוזירען זיך אויסער פֿון הערן-זאָגע.

דער כוטטער האָט זיך געדאַכט אַז אַלעס איז ווי עס בעדאַרף צו זיין; אַז עס איז גלייכער פֿאַר איהר זוהן אַז ער זאָל לעבען אויף דעם אופן. דער פֿעטער אָבער האָט ביסלעכווייז גענומען איינזעהן אַז די אָבגעשלאָסענהייט, און דער שטיללער פֿערחלומטער לעבען וועלען מוזען האָבען שלעכטע פֿאָלגען. ער האָט בעשלאָסען צו עפֿענען אַ שויב אין דעם גלעזערנעם דאַך און אַריינצולאָזען אַביסעל פֿרישע לופֿט פֿון דרויסען, מיט אַנדערע ווערטער בעקאָנט צו מאַכען דעם יונגע מאַן (פעטער איז איצט שוין געווען אַ יאָהר 18) מיט די אַרומיגע וועלט.

די מוטטער האָט איהם דאַרין ניט געשטערט, דער פֿאָטער האָט זיך ניט געקימערט, עוועלינא האָט צוגעשטימט און אין אַ קורצע צייט זיינען אין הויז אָנגעקומען געסט. דאָס איז געוועזען מאַקסים׳ס אַן אַלטער פֿריינד, וועלכער האָט געוואוינט אַ ווערסט 70 פֿון די פּאָפּעלסקי׳ס, און איז געקומען מיט זיינע צוויי זיהן און מיט זייערן אַ פֿריינד, אַ יונגען קאַדעט (אַ שילער פֿון קאַדעטסקי קאָרפּוס) וועלכער איז ביי זיי געוועזן צו-גאַסט.

דער אַלטער האָט געהייסען סטאַוורוטשענקאַ און פֿון זיינע זיהן האָט איינער שטודירט פֿילאָלאָגיע אין דער קיעווער אוניווערזי-טעט און דער אַנדערער מוזיק אין דעם קאָנסערוואַטאָריום אין פּעטערסבורג. זיי זיינען געוועזן פֿון דעם נייעם דור, פֿאָלקספֿריינדע, מיט אַ בעזונדערע ליעבע צו אַלץ וואָס איז געקומען פֿון פֿאָלק, פֿון דעם מוזשיק, און אַזוי ווי דער אַלטער האָט זיך נאַטירליך געהאַלטע

בײ'ם אַלטען איז צווישען דעם פֿאָטער און די זיהן אָנגעגאַנגען אַן אײביגע מלחמה.

אַזוי גיך ווי זײ האָבען זיך בעזעצט בײ די פֿאָפּעלסקים איז דאָרטען געוואָרען דער קאַמפּף פלאַץ און גלײך דעם ערשטען אָווענד איז ענטשטאַנדען אַ היציגער געשפרעך צווישען דעם אַלטען דור און דעם יונגען. הײסע, שטעכעדיגע ווערטער זײנען געפֿאַלען פֿון בײדע צדדים: דער טאַטע האָט חוזק געמאַכט פֿון די זיהן מיט זײער געלערענטקײט, מיט זײערע נײע אידעען, מיט זײער „פֿאָלקסטהימליכקײט", מיט אַלעם מיט אַנאַנדער. די בנים ווידער האָבען ניט געשאָנעוועט דעם טאַטען און אין הויז האָט זיך געטומעלט.

דאָס האָט זיך ווידערהאָלט זעהר אָפֿט. אײן אָווענד איז די מלחמה געווען זעהר אַ צוקאָכטע. מאַקסים און דער אַלטער סטאַוורושענקאָ האָבען זיך ענדליך צוריקגעצויגען. מאַקסים האָט איבריגענס קײן שום אַנטהײל ניט גענומען אין דער „אונטערהאַלטונג" און פֿאַר איהם האָט אויך דער יונגער דור געהאַט גרויס אַכטונג, ווײל מי האָט געדענקט זײנע העלדישע טהאַטען אונטער גאַריבאַלדי, — די זעלביגע טהאַטען, פֿאַר וועלכע דער אַלטער דור האָט איהם אין יענע צײטען כמעט מחרים געווען.

און איצט איז געוואָרען שטיל. די היץ פֿון דעם וואָרט-געפֿעכט צווישען דעם פֿאָטער און זײנע זיהן איז ביסלעכווײז אָבגעקיהלט געוואָרען, די יונגע לײט האָבען געפֿיהלט, אַז זײ האָבען אפילו דעם אַלטען „געגעבען די גאָב", אָבער געשמאַרצט האָבען זײ.

דער סטודענט האָט אויסגעשפּרײט אויפֿ'ן גראָז זײן ראָק און האָט זיך אויסגעצויגען מיט דער מיענע פֿון אײנעם, וועלכער איז אומעטום צו-הויז. דער עלטערער, דער קינפֿטיגער מוזיקאַנט, האָט זיך געזעצט לעבען עוועלינען, וועהרענד דער שילער פֿון'ם קאַדעטסקי קאָרפּוס, צוגעשפּילעט נאָך אַלע כללים פֿון מיליטער-דיסציפּלין, האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהם. עטוואָס אָן אַ זײט איז געזעסען דער בלינדער, די האַנד אָנגעשפּאַרט אָן דעם פֿענסטער-ראַהם, נאָכדענקענדיג איבער די געשפּרעכע וועלכע ער האָט געהערט.

די יונגע לייט זיינען געבליבען אליין, פון די צימערן פון הויז האט זיך אלע ווילע געהערט אן ארויסגעפלאצטער לויטער געלעכטער, וואס דאס האט די יונגע לייט געגעבען צו פערשטעהן אז דער טאטע סטאוורוטשענקא דערצעהלט זיינע קונציגע מעשיות, פיר וועלכע ער איז געוועזען בעריהמט.

V.

ער האט זיין וועג

„...ם דענקט איהר, ליעבעס פריילין, וועגען דעם וואס דא איז גערעדט געווארען? — האט דער יונגער סטאוורוטשענקא געפרעגט עוועלינען, — „איהר האט די גאנצע צייט א ווארט ניט אויסגערעדט".

— „עס איז אלעס גאנץ שעהן" — האט זי געענטפערט — „אלעס, מיין איך, וואס איהר האט צו אייער פאטער געזאגט, נאר...."

„אבער וואס?"

עוועלינע האט ניט גלייך געענטפערט. זי האט אויסגעשפרייט אויף די קניע „האנד ארבייט", מיט וועלכע זי האט זיך די גאנצע צייט בעשעפטיגט זיצענדיג מיט די יונגע לייט אין די פרישע לופט און האט גענומען מיט א פערטראכטען בליק נאכדענקען, עפעס אזוי ווי זיך צו איבערצייגען אז זי האט אין ערגיץ ניט געמאכט קיין פעהלער אין דער שטיקעריי. עס איז שווער געווען צו זאגען אויב זי איבערלעגט זיך אויך וואס צו ענטפערן אויף די פראגע פון דעם יונגען סטאוורוטשענקא, אדער איהר אינטערעסירט ווירקליך נור איהרע ארבייט. די יונגע לייט אבער זיינען געוועזען זעהר געשפאנט צו הערען איהר ענטפער. אפילו דער בלינדער האט צוגעווענדעט זיין קאפ צו איהר פון א זייט און האט געהארכט.

— „אבער" — האט זי ענדליך געזאגט נאך אימער אויסגלע-

טענדיג אויפ'ן שוים איהרע שטיקעריי — יעדער מענש, מיין הערר האט זיך זיין וועג אין לעבען".

„מיין גאטט! — האט דער סטודענט אויסגעשריען — ווי אלט-קלוג! זאגט מיר, ליעבעס פריילין, ווי אלט מעגט איהר זיין?"

— „זיעבעצעהן! — האט זי שמייכלענדיג געענטפערט — איהר האט געווים געמיינט, אז איך בין עלטער, ניין?"

די יונגע לייט האבען זיך פאנאנדערגעלאכט.

„וואלט מיך אימיצער געפרעגט ווי אלט איהר זייט — האט דער יונגער מאן זיך אבגערופען — וואלט איך געצווייפעלט צו זאל איך זאגען דרייצעהן אדער דריי און צוואנציג. ווירקליך, איהר זעהט צייטענווייז אויס גאר א קינד און רעדען רעדט איהר ווי א קלוגע אלטיטשקע.

— „אין ערנסטע זאכען דארף מען ערנסט רעדען, — האט עוועלינע בעמערקט מיט דעם טאן פון א לעהרער, וועלכער קלערט אויף זיינע שילער און האט זיך פון דאס נייע גענומען צו דער ארבייט.

„דאן מוז איך זאגען — האט דער סטודענט בעמערקט האלב-לאכענדיג — אז נאך פריילין עוועלינע'ס מיינונג נאך איז א פרויענ-צימער, וועלכע האט זיך איהר וועג אין לעבען, נים אימשטאנד צו בעגרייפען אזעלכע פראגען ווי די, ארום וועלכע מיר האבען דא גערעדט מיט'ן פאטער; אז איהר עסק אין דער וועלט איז צו פער-זארגען די קיך און די קינדער..."

עוועלינע איז געווארען עטוואס אונרוהיג און אויף איהר געזיכט האט זיך בעוויזען א רויטליכקייט.

— „איהר ציהט אייערע שליסע און איהר אורטהיילט אביסעלע צו האסטיג — האט זי געענטפערט —. איך פערשטעה גאנץ גוט דאס וואס דא איז גערעדט געווארען, וועלכעס בעוויזט, אז א פרויענ-צימער'ס שכל קען אזעלכע זאכען יא בענעהמען. ווען איך האב אייך דיעזע ווערטער געזאגט האב איך נאר געטראכט וועגען זיך אליין".

זי האט זיך ווידער גענומען מיט אזא התמדה צו איהר ארבייט

אז איהר יונגער פֿרייַנד האָט כמעט ניט געהאַט דעם מוטה פֿאָרטצו-ועצען זיין דאָפּראָס (אונטערזוכונג) אַ רעכטע ווײַלע.

„עס איז מערקווירדיג — האָט ער נאָכהער אַ בורבעל געטאָהן אונטערן נאָז — ווען מ׳ הערט אייך רעדענדיג, וואָלט מען מיינען אַז איהר האָט שוין אַ פֿאַרטיגען, אויסגעאַרבייטען פּלאַן פֿאַר׳ן גאַנצען לעבען".

— „דאָס איז גאָר ניט אַזוי מערקווירדיג — האָט עוועלינע גע-ענטפֿערט שטיל און געלאַסען — מיר דוכט, אַז זאַגאַר איליא איוואַ-נאָוויטש (אַזוי האָט געהייסען דער קאַדעט, דער קינפֿטיגער אָפֿיציער) האָט זיך שוין אויסגעאַרבעט אַ בעשטימטען פּלאַן אין לעבען און ער, גלויב איך, איז יונגער פֿאַר מיר".

„דאָס איז וואַהר — האָט דער קאַדעט אונטערגעכאַפּט. ער איז געוועזען צופֿריעדען דערמיט, וואָס ער האָט געקראָגען אַ געלעגענ-הייט אַריינצורעדען אַ וואָרט און האָט פֿאָרטגעזעצט:

„יאַ דאָס איז גאַנץ וואַהר. אָט דאָ ניט לאַנג האָב איך געלעזען די לעבענסבעשרייבונג פֿון אַ געוויסען קאָמאַנדיר. ער האָט אויך גע-אַרבעט נאָך אַ בעשטימטען פּלאַן: צו צוואַנציג יאָהר האָט ער גע-הייראַטהעט און האָט קאָמאַנדירט אַ פּולק ווען ער איז געווען פֿינף יאָהר עלטער".

דער סטודענט האָט אַ לאַך געטאָן, מאַכענדיג אַ מין ביטרע מינע. עוועלינע איז ווידער רויטליך געוואָרען. מיט אַ שאַרפֿען, קאַלטען טאָן האָט זי אַ ווײַלע שפּעטער זיך אָבגערופֿען און האָט געזאָגט:

— „נו, אָט זעהט איהר דאָך: יעדער האָט זיך זיין וועג אין׳ם לעבען".

דערמיט האָט זיך דאָס געשפּרעך געענדיגט.

אַללע האָבען פֿערשטאַנען אַז די רייד האָבען אָנגענומען אַ צו פּערזענליכען כאַראַקטער. מען האָט געפֿיהלט, ווי אונטער די איינפֿאַכע ווערטער האָט ערגיץ וואו אַ קלונג געטאָן אַ׳ן ערדעל-אָנגעצויגענע סטרונע...

עס איז געוואָרען מיט אַמאָל שטיל. נור דער גאָרטען אַרום האָט אַזוי ווי געבורבעלט, עפּעס אונצופֿריעדען מיט דער גאַנצער מעשה.

VI.

א מלחמה.

דיעזע אַלע אונטערהאַנדלונגען און היציגע דיספוטען, דיעזע גאנצע מאַסע פֿון פֿראַגען, ערוואַרטונגען, האָפֿנונגען און מיינונגען אַלערליי, — דאָס אַלעס איז אויף דעם בלינדען יונגען מאַן אַנגעשוואומען ווי מיט אַן אונערוואַרטעטען רוישענדען שטראָם. אין אָנהויב און אַזוי לאַנג ווי דאָס איז געוועזען אַ נייעס, האָט ער זיך צוגעהערט מיט יענעם סאָרט פֿערוואונדערטע ענטציקונג, מיט וועלכער איינער הערט זאָגען, וועלכע „עפּענען איהם, ווי מ'זאָגט — אַ מוח", ביסלעכווייז האָט ער אָבער גענומען מערקען, אַז דיעזע שטירמישע כוואַלע פֿליסט ניט צו איהם, נור פֿאַרביי איהם, זיך וועגען איהם גאָר ניט קימערנדיג. ער האָט ניט געקענט ניט איינזעהן, אַז צו איהם ווענדעט זיך קיינער ניט מיט קיין שום מיינונג, אַז ער שטעהט אייגענטליך עפּעס אַזוי ווי אָבגעזונדערט, איינער אַליין אין אַ טרויעריגע אָבגעשלאָסענהייט, וועלכע איז אַלץ טרויעריגער און שרעקליכער וואָס מעהר דאָס אַרומיגע לעבען אין הויז ווערט מעהר אַנגערעגט און לעבענדיגער.

ער האָט ניט אויפֿגעהערט זיך צו־צוהאָרכען, אָבער זיין אויפֿמערקזאַמקייט איז געווען בעצויגען מיט אַ וואָלקען.

ווען דער פֿעטער האָט די יונגע לייט פֿאַר'ן אַוועקפֿאָהרען געבעטען אַז זיי זאָלען באַלד צוריק־קומען און זיי האָבען איהם דאָס צוגעזאָגט, איז די מוטטער מיט דעם ניט געוועזען זעהר צופֿריעדען. עוועלינע נאָך וועניגער. זיי ביידע האָבען גערעכענט, אַז דעם אַלטען'ס פּלענער וועגען „דעם אַריינלאָזען די פֿרייע לופֿט" צום אונגליקליכען בלינדען איז געווען אַ פֿעהלער.

„מ'האָט עס ניט געדאַרפֿט שטערן זיין רוה, זיין שטילען לעבען, האָט די מוטטער געטראַכט... עס איז אַלץ זעהר שעהן צו רעדען וועגען וואַקסען אונטער אַ גלעזערנעם דאַך, אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? פֿיהלט זיך נור די דעליקאַטע פּפלאַנצע גליקליך אונטערן גלעזערנעם דאַך, דאַן צו וואָס אַריינלאָזען דעם רויהען שאַרפֿען ווינד דורך די צובראָכענע שויבען?

עוועלינע האָט אויך אַזוי געדענקט און האָט אויף דעם אַלטען׳ס פּלענער געקוקט מיט זעהר אַ קרומען קוק. זי האָט זאָגאַר ביסלעבֿוויז אָנגעהויבען צו רעדען מיט איהם וועניגער פֿריינדליך און מיט אַ שאַרפֿען טאָן.

דער פֿעטער האָט נור געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. ער האָט פֿערשטאַנען אַז די „ווייבער" זיינען געגען איהם, אָבער וועהרענד ער פֿלעגט דער שוועסטער אָפֿט זאָגען אַלץ וואָס ער האָט געטראַכֿט וועגען איהרע „שעדליכֿע רחמנות" וועגען איהרע „פֿערדערבליכֿע קינדער־ליעבע" און דערגלייכֿען, פֿלעגט ער עוועלינען כמעט אַלעס פֿערשוויגען. גערעדט מיט איהם האָט זי איבריגענס אויך ניט פֿיעל: עס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי פֿון ביידע זייטען, דאָס הייסט אי פֿון דעם פֿעטער׳ס צד אי פֿון עוועלינע, גרייט מען זיך דאָ צו אַ מלחמה און דערווייל זעהען ביידע צדדים ריכֿטיג צו פֿערשטעהן איינער דעם אַנדערן.

VII.

און וואו איז ער?

ווען די יונגע לייט זיינען אין צוויי וואָכֿען אַרום ווידער געקומען צו די פּאָפּעלסקי׳ס אויף אַ בעזוך מיט זייער פֿאָטער, האָט עוועלינע זיי בעגעגענט מיט מעהר קאַלטקייט, איינגעהאַלטענער ווי דעם ערשטען מאָל. זי האָט פֿון דעסטוועגען ניט ווילענדיג געפֿיהלט אַז אין הויז איז עפּעס צוגעקומען לעבען. די יונגע לייט האָבען זיך דעם גאַנצען טאָג אַרומגעטריבען איבער׳ן דאָרף, געהענדיג אויפֿ׳ן יאַגד, הערענדיג פֿון די פּויערים ביי׳ן שניידען די קאָרן, אַלערליי פֿאָלקסליעדער און פֿערשרייבענדיג אַלע דיעזע „וואַהרע פֿאָלקסשטיממען" אין ביכֿלעך. פֿון אָוועגד פֿלעגען זיי צונויפֿקומען אין גאָרטען פֿולל מיט אַלערליי „נייעס", מי פֿלעגט נעהמען רעדען און עס פֿלעגט ווערן לעבעדיג.

אין איינעם פֿון דיעזע אָווענדען, ווען עס האָט זיך ווי גע־

וואוינליך, אנגעצויגען א לעבהאפטער געשפרעך, האט זיך עוועלינע געכאפט אז די רייד איז בּיסלעכווייז ווידער ארויפגעקומען אויף ד׳ אונאנגענעהמע פראגע וועלכע האט זי דאמאלס אזוי אויפגערעגט. וו אזוי דאס איז געקומען האט קיינער ניט געוואוסט, האט קיינער ניט געמערקט. אויך איז שווער געווען צו זאגען: וועמעס שולד דאס האט געקענט זיין.

דער יונגער מאן האט גערעדט היציג, ליידענשאפטליך, ווי איינער וואס גלויבט אין זיך און האלט אז איהם געהערט די וועלט, אין זיין גלויבען און אין זיין ליידענשאפט איז געווען א מערקווירדיגער כישוף, א׳ן אונבעצווינגליכע מאכט.

דאס יונגע מיידעל איז זעהר אויפגערעגט געווארען. זי האט פערשטאנען אז ווען דער סטודענט האט ווידער בעריהרט די פראגע וועגען דעם וואס א פרוי׳ס עובדא דארף זיין אין דער וועלט; וועגען דעם, אז זי דארף ניט בלייבען א היילע הויז-פרוי און ז. וו. — אז דיעזע זיינע ווערטער האט ער געריכטעט דירעקט צו איהר און האט איהר דירעקט דערמיט געמיינט.

איינבויגענדיג דעם קאפ איבער די ארבייט, האט זי צוגעהערט שווייגענדיג. איהרע אויגען האבען געפונקעלט, דאס געזיכט איז בעדעקט געווארען מיט א פארב פון פייער, דאס הערץ האט געשלאגען האסטיג . . . שפעטער א ווייל איז אנשטאט די רויטקייט געקומען א בלייכע פארב אויפ׳ן פנים און דער פייער פון איהר בליק איז אזוי ווי פערלאשען געווארען. איהרע ליפפען האבען זיך אויסער דעם צונויפגעדריקט און דאס הערץ האט געקלאפט נאך שטארקער, אבער מעהר אוים פורכט פאר עטוואס, מעהר פון שרעק.

זי האט זיך דערשראקען דערפון, וואס פאר איהרע אויגען האט זיך מיט אמאל אזוי ווי אוועקגערוקט א מין פינסטערע וואנד, דערפון, וואס זי האט מיט אמאל דערזעהן פאר זיך די גרויסע קאכעדיגע, לעבעדיגע וועלט, וועלכע איז פאר איהר ביז איצט געוועזען פערהאנגען ווי מיט א פארהאנג, און זי האט א טראכט געטאן וועגען איהר צוקונפט.

וואס דער יונגער סטודענט האט געזאגט איז געוועזען ניט

איינגענטליך אַזוי שטאַרק איהר צו ווייזען וואָס זי האָט ניט געזעהן פֿאָרהער, ניט אַזוי שטאַרק צו הויבען אין איהר ברוסט געפֿיהלען, וועלכע האָבען זיך דאָרטען פֿריהער ניט איינגעפֿונען. ניין! ער האָט איהר נור דייטליכער געוויזען דאָס, וואָס זי האָט ביז איצט געזעהן ווי דורכ'ן חלום און צו ערוועקען געפֿיהלען, וועלכע זי האָט געהאַלטען איינגעשלומערטע און האָט מורא געהאַט אַליין צו וועקען. דען זי האָט אָפֿט זיך געמאָלט פֿון איהר אייגענער איינבילדונג פֿאָרשטעלונגען וועגען אַ ווייטערן אַ ברייטערן, אַ פֿולערן לעבען... און די גרויסע ווייטע וועלט.

און דיעזע בילדער איז קיינמאָל ניט געוועזען די בלאַסע ערלע פֿיגור פֿון איהר בלינדען פֿריינד...

זי האָט געוואָרפֿען אַ האַסטיגען בליק צו דעם אָרט צו, וואו ער איז געזעסען פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען. „ער פֿערשטעהט אַלעס" האָט זי ביי זיך געטראַכט און איהר איז פֿאָרגעקומען אַז זי איז שוין אין יענע ווייטע וועלט, — די וועלט וועלכע איז איצט צו איהר געקומען רופֿענדיג, זאָגענדיג: קום, קום! און איהר האָט זיך אָבגעדוכט אַז זי איז אַוועק ווייט, ווייט און דאָ זיצט אַליין דער אָרימער בלינדער יונגער מאַן, מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, אַליין דאָ, אָדער אויפֿ'ן בערגעל, ביים טייך וואו זי האָט מיט יאָהרען צוריק איבער איהם אַזוי הערצליך געוויינט.

זי האָט זיך ערינערט אָן די פֿאָרשענדע בליקען פֿון דעם אַלטען מאַקסים. אַה, זי פֿערשטעהט ווי איצט. ער האָט געוואוסט בעסער פֿאַר איהר אַליין, אַז ביי איהר איז נאָך מעגליך אַ קאַמפּף, אַ מלחמה, אַן אויסוואַהל; אַז זי ווייס נאָך אַליין ניט צו וועמען איהר יונגעס הערץ געהערט. אָבער ניין! אָה, ניין! ער אירט זיך דער אַלטער! זי ווייס וואָס איהר ערשטער שריט האָט געהאַט צו בעדייטען און דאַן וועט זי זעהן וואָס מע קען פֿון לעבען אַרויסקריגען.

זי האָט אַ טיעפֿען זיפֿץ אַרויסגעלאָזען. דאָס איז ניט געוועזען אַ שמערצליכער זיפֿץ פֿון אַ קראַנקע ליידענדע ברוסט. ער איז געוועזען ענגליכער צו דעם אָבציעהען פֿון אָטהעם, וואָס אַ מענש טוט ווען איהם געהט אַראָב אַ שווערער שטיין פֿון האַרצען. זי האָט אַ בליק

געטאָן אויף דעם אָרט וואו פעטער איז מיט אַ מינוט צוריק געזעסען. דער בלינדער איז געוועזען פערשוואונדען.

VIII.

אַ הארץ איז אַ זייגער.

ווען עוועלינע האָט זיך געכאַפּט אַז דער בלינדער איז ניט מעהר אויף זיין אָרט, האָט זי געזאָגט צו די יונגע לייט, שנעל אוועקלעגענדיג די אַרבייט:

„ענטשולדיגט, מיינע הערען, איך מוז אייך לאָזען אויף איין אויגענבליק אַליין”.

זי איז באַלד געוועזען אין דער דונקלע אַלעע פון׳ם גאָרטען. ווען זי איז געקומען צו דעם אָרט וואו די באַנק איז געשטאַנען, האָט זי דערהערט צוויי אויפגערעגטע שטימען. ניט אין איהר הארצען אַליין איז יענעם אָוונד געוועזען אַ בורענינע, דאָ האָט פעטער מאַקסים זיך אונטערהאַלטען מיט זיין שוועסטער.

„אָ, יאַ! — האָט דער אַלטער ברוגז׳לעך געזאָגט — איך האָב אין דיעזען פאַלל געטראַכט ניט וועניגער וועגען איהר ווי וועגען איהם. בעדענק נור! זי איז דאָך נאָך אַ קינד, זי ווייס נאָך גאָר ניט וואָס דאָס לעבען בעדייט! איך קען ניט גלויבען אַז דו זאָלסט וועלין אויסנוצען אַ קינד׳ס אונוויסענהייט...”

מאַדאַם פּאָפּעלסקי האָט געענטפערט מיט אַ געבראָכענע שטימע און מיט טרערן אין די אויגען.

— „אָבער, מאַקס, ווען... ווען זי זאָלל... וואָס וועט דאַן ווערן פון מיין קינד?”

„וואָס וויל! — האָט דער פעטער מיט דעם זעלביגען האַרטען טאָן געזאָגט — דאַן וועלין מיר זעהן וואָס צו טאָן. לאָז איהם אויף יעדען פאַל ניט מוטשענען דאָס בעוואוסט-זיין אַז דורך איהם איז פערדאָרבען געוואָרען אַן אַנדערנס לעבען... אויך אונזער געוויסען וועט בלייבען ריין, בעדענק דאָס, אַננוסיאַ!”

אויסרעדענדיג די לעצטע ווערטער, איז דער אַלטער סאָלדאַט ווייבער געוואָרען. ער האָט אַריינגענומען די שוועסטער'ס האַנד אין זיינע און האָט איהר אַ קוס געטאָן.

— „מיין אָרימער, אָרימער יונגע!" האָט די מוטטער אַרויס-געזיפצט.

די לעצטע ווערטער האָט עוועלינע גיכער געטראָפען ווי געהערט, ווייל זיי זיינען אַרויסגעקומען פון דער מוטטערס האַרץ זעהר שטילל.

עוועלינעס געזיכט האָט זיך בעצויגען מיט אַ רויטע פאַרב. זי האָט זיך געהאַט ניט ווילענדיג אָבגעשטעלט אין דער אַלעע. ווען זי איצט אַרויסגעהן, דאַן וועלען זיי ביידע זעהן, אַז זי האָט זיי צו-געהאָרכט.

איז דאָס געוועזען איהר שולד? ניין. און אַ פּאָאָר אויגענבליקע שפּעטער האָט זי שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ, ענטשלאָסען פאַרבייצוגעהן אָהן פורכט. און דער אַלטער! ווירקליך, ער שטעלט אויף זיך צו פיעל. קיינער דאַרף פאַר איהר ניט דאגה'ן. זי וועט שוין אַליין וויסען ווי אַזוי צו פיהרען זיך אינ'ם לעבען.

און מיט אַ שטאָלצען גאַנג איז זי פאַרבייגעגאַנגען דעם אָרט, וואו מאַדאַם פּאָפּעלסקי און איהר ברודער זיינען געזעסען. דער פעטער האָט האַסטיג אויפגעהויבען זיין קוליע פון דער ערד צו מאַכען אַ וועג פאַר איהר, ווערהענד מאַדאַם פּאָפּעלסקי האָט איהר אָנגעזעהן מיט אַן אויסדרוק פון ליעבע, זאָגאר פערעהרונג.

די מוטטער האָט אַזוי ווי געפיהלט, אַז דיעזע שטאָלצע יונגע מיידעל, וועלכע איז נאָר-וואָס דורכגעגאַנגען מיט אַזאַ צאָרניגען בליק דורכ'ן גאָרטען, האָט ביי זיך מיטגעטראָגען ענטוועדער דאָס גליק, אָדער דאָס אונגליק פון איהר קינד

IX.

דאס רעדעלע דרעהט זיך.

אין גאָרטען איז געשטאַנען אַן אַלטע מיהל, וועלכע האָט שוין

לאַנג קיין זאַך ניט מעהר געטאָן. דאָרטען פֿלעגט דער יונגער מאַן גערן זיצען און זיך צוהערען צו דעם וואַסער, וואָס זיין געשפּרעך האָט ער אַזוי שעהן געקענט איבערגעבען אויפ'ן פּיאַנאָ. איצט אָבער איז אירם דאָס אַלעס ניט געלעגען אין קאָפּ. ער איז איצט אַרומגעגאַנגען האַסטיג איבער'ן שטעג מיט אַ פֿערביטערטען האַרצען.

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט עוועלינעס טריט און האָט זיך אָבגעשטעלט.

„זאָג מיר, פעטער, — האָט זי זיך צו איהם אָבגערופֿען, אַרויפלעגענדיג איהר האַנד אויף זיין פּלייצע — זאָג, וואָס איז מיט דיר? ווארום ביסטו אזוי אומעדיג?”

זיך האַסטיג אומדרעהענדיג האָט ער גענומען ווידער געהן איבערן שטעג'ל אין גאָרטען. זי איז נאָכגעגאַנגען לעבען איהם.

זי האָט פֿערשטאַנען וואָס זיין האַסטיגע בעוועגונג און זיין שווייגען האָבען צו בעדייטען און האָט אויף אַ מינוט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. פֿון הויז האָט זיך דערוויילע דערהערט אַ ליעד. אַ יונגע שטאַרקע שטיממע, עטוואָס ערוויילט דורך די ענטפֿערונג, האָט דאָרטען געזונגען וועגען ליעבע און גליק. דאָרטען זיינען געזעסען גליקליכע מענשען, וועלכע האָבען גערעדט וועגען אַ העללען פֿולען לעבען. אַ קורצע ווילע צוריק איז זי, עוועלינע, אַליין געווען בעיוישט פֿון דיעזע פֿאַנטאַזיען אַרום אַזאַ לעבען, — אַ לעבען אין די גרויסע ווייטע וועלט, וואו זי האָט פֿאַר איהר יונגען פֿריינד קיין אָרט ניט געזעהן. זי איז דאָן געוועזען אַזוי בעזוישט דערפֿון, אַז זי האָט אפילו ניט בעמערקט ווי ער איז פֿערשוואונדען געוואָרען און ווער ווייס ווי לאַנג דיעזע קורצע צייט איז איהם פֿאָרגעקומען, זייענדיג איינער אַליין.

דיעזע געדאַנקען זיינען דורכגעפֿלויגען דורך איהר מוח אין דער צייט ווען זי איז געגאַנגען לעבען דעם בלינדען אין דער אַלעע. איהר איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזען אַזוי שווער מיט איהם צו רעדען. פֿון דעסטוועגען האָט זי געפֿיהלט, אַז איהר זיין נעבען איהם האָט אויף איהם גוט געווירקט.

„וואָס איז מיט דיר?” האָט זי איהם נאָך אַמאָל געפֿרעגט.

— „גאַרנישט — האָט ער מיט ביטערקייט געענטפערט — מיר דאַכט זיך נור אז איך בין אַן איבריגער מענש אויף דער וועלט".

אינצווישען איז דער געזאַנג אין הויז שטיל געוואָרען.

„ווייסטו, — האָט דער בלינדער זיך ווידער אָבגערופען — מיר דאַכט זיך ציימענווייז, אַז די אַלטע לייט זיינען גערעכט ווען זיי זאָגען אַז עס ווערט אין דער וועלט וואָס פון יאָהר ערגער. פאַר-צייטען האָט זיך אפילו אַ בלינדער בעסער געלעבט. איך וואָלט אין יענע צייטען זיך אויסגעלערנט שפּיעלען אויף אַ באַנדורע און וואָלט מיט איהר געגאַנגען איבער שטעדט און דערפער . . . מאַסען מענשען וואָלטען זיך אַרום מיר פערזאַממעלט און איך וואָלט פאַר זיי בעזונגען די העלדישע טהאַטען פון זייערע פאָטערס און זיידעס. דאַן וואָלט איך געהאַט וועניגסטענס עפּיס אַן אַרבייט און בעדייטונג אין לעבען, און וואָס איז איצט? אפילו דער קאַרעץ — האָסט דאָך געהערט? — אפילו ער זאָגט הייראַטהען און קאָמאַנדירען איבער אַ פּולק. מי האָט פון איהם געלאַכט, אָבער איך... פאַר מיר איז זאָגאַר דער וועג פערשטעלט".

דעם מיידעלס בלויע אויגען האָבען זיך אויפגעעפענט ווי פון אַ שרעק, און אין זיי האָבען זיך בעוויזען טרערין.

„דאָס האָסטו זיך אָנגעהערט פון'ם סטודענט" — האָט זי געזאָגט, עטוואָס צוטומעלט אָבער כלומרשט רוהיג.

„נו, יאַ — האָט פעטער אונטערגעכאַפּט — און ער איז אַ... פיינער קערל . . . ער האָט אַזאַ אַנגענעהמע שטיממע..."

„יאַ, — האָט עוועלינע מיט אַ געוויסע צערטליכקייט איינגע-שטימט, — ער איז אַ בראַווער יונגע".

באַלד אָבער האָט זי זיך געכאַפּט אַז זי האָט דאָס פיעללייכט ניט געדאַרפט זאָגען און האָט מיט אַ פערענדערטען טאָן געזאָגט:

„ניין! ער געפעלט מיר ניט אַ ברעקיל! ער האַלט פון זיך צו-פיעל און זאָגאַר זיין שטיממע איז אַן אונאַנגענעהמע".

דער בלינדער איז געוועזען פערוואונדערט צו הערן איהר רע-דענדיג מיט אַזוי פיעל האַרץ, זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן פוס אַן דר'ערד און האָט פאָרטגעזעצט:

„דאָס איז אַלעם אונזין! איך ווייס, דאָס איז אַלץ מאַקסים'ס קאָפּ. אָה! ווי איך האָס איצטער דיזען מאַקסים".

— „וועליא, גאָטט איז מיט דיר — האָט דער בלינדער פּער-וואונדערט אויסגערופען — מיט וואָס האָט זיך דער פּעטער אַזוי פּערזינדיגט?"

„אָה, ער האַלט זיך פּאַר אַ גרויכען חכם און האָט מיט זיינע קלוגע חשבונות אויס:עמעקט יעדען סליער פון געפיהל אין זיין האַרצען . . . רעד ניט, איך בעט דיך, רעד מיר ניט וועגען זיי! און ווער האָט זיי געגעבען דאָס רעכט צו בעשטימען אַנדערע מענשענס מזלות?"

זי האָט זיך פלוצלינג אָבגעשטעלט, האָט איהרע הענד אַזוי צונויפגעדריקט אַז די פינגער האָבען גענומען קנאַקען און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד.

דער בלינדער, געריהרט און פּערוואונדערט, האָט איהר אָנ-גענומען ביי דער האַנד. פון אַזאַ געלאַסענע און איינגעהאַלטענע פערזאָן ווי עוועלינא, איז דער געוויין, די צוהיצטקייט געוועזען אַן אונערוואַרטעטע, אונערקלערליכע זאַך. ער האָט זיך צוגעהאָרכט צו איהר געוויין און צוגלייך אויך צו דעם אָבקלאַנג דערפון אין זיין אייגע-נעם הערצען.

פלוצלינג האָט זי אַרויסגעכאַפּט איהר האַנד פון זיינע און ער איז ווידער איבערראַשט געוואָרען: עוועלינע האָט מיט אַמאָל גענו-מען לאַכען.

„ווי דום איך בין! — האָט זי אַרויסגעשאָסען — צו-וואָס וויין איך?" און זיך אויסווישענדיג די אויגען האָט זי געזאָגט, רעדענדיג מיט אַ גוטהאַרציגען טאָן:

„ניין! מי דאַרף זיין גערעכט צו אַלעמען, זיי זיינען ביידע גוט, — אי דיין מוטטער, אי דער אַלטער, — גוטע, עהרליכע זעעלען. און דאָס וואָס ער האָט אָקאָרשט געזאָגט איז אויך ריכטיג. אָבער דאָס איז דאָך ניט פאַר אַלעמען".

— „פאַר אַלע יענע וועלכע קענען" האָט דער בלינדער האַלב-פאַר-זיך אונטערגעבורבעלט.

„אונזין! אַט האָט דאָך דיין פֿעטער אויך געקעמפּפֿט אַזוי לאַנג ווי ער האָט געקענט און היינט לעבּט ער ווי עס לאָזט-זיך, אַזוי קענען מיר אויך . . ."

— „זאָג ניט מיר! דו . . . דאָס איז אַ בּעזונדערע זאַך".

„אָה! ניין פֿעטער, ניט קיין בּעזונדערע זאַך".

„ווארום, וועליאַ?"

„דאַרום, ווייל . . . נו, ווייל דו ווערסט דאָך מיך נעהמען פֿאַר אַ פֿרוי . . . און דאַן וועט דיין לעבען זיין מיין לעבען".

דער בּלינדער איז פֿון דאָס נייע פֿערוואונדערט געוואָרען. ער האָט אַ מינוט ניט געקענט ריהרען דעם צונג, דאַן האָט ער מיט גרויס מיהע אַרויסגעשטאַמעלט דיזע עטליכע ווערטער:

— „איך? איך דיך הייראַטען! הייסט עס, דו ווילסט . . . ווילסט ווערן מיין פֿרוי?"

„נו יאַ, נו יאַ, געוויס! — האָט זי האַסטיג און מיט אויפֿרעגונג אין דער שטיממע געענטפֿערט — וואָס פֿאַר אַ נאַרעלע דו בּיסט! איז דאָס דיר גאָר קיין מאָל אין קאָפּ ניט אַריינגעקומען? דאָס איז דאָך אַזוי איינפֿאַך. ווען דען וועסטו הייראַטען ווען ניט מיך?"

— „געוויס", האָט ער זיך אָבגערופֿען, טראַכטענדיג אין דעם אויגענבּליק ניט מעהר ווי אַרום זיך. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז ער האָט געזאָגט אַ דומעס וואָרט און האָט פֿאַרטגעזעצט, ווידער איהר אָנגעהמענדיג בּיי דער האַנד: הער-צו, וועליאַ, דאָרטען אין זאַאַל האָט מען נאָר-וואָס גערעדט דערפֿון ווי די מיידלעך אין די גרויסע שטעדט לערנען זיך אַלעס, דיזער בּרייטער וועג איז פֿאַר דיר אויך אָפֿען, ווערהענד איך . . ."

„נו, נו!"

— „ווערהענד איך . . . איך בּין אַ בּלינדער".

„נו איז וואָס? אָה, דו נאַרעלע! אָבער ווען אַ מיידעל פֿערליעבּט זיך אין אַ בּלינדען, קען זי דאָך ניט הייראַטען מיט אַן אַנדערן; דאָס איז דאָך שוין אימער אַזוי . . . וואָס איז דאָ צו מאַכען?"

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן און האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, ווי געוועהנליך ווען ער פֿלעגט זיך פֿערטראַכטען. ער האָט זיך צו-

געהארכט צו די פערשידענע שטיממען אין זיין הארצען. ארום און ארום איז דערוויל געווארען שטילל, דאס ליעד אין הויז איז פערשאלט געווארען און נור דאס וואסער ביי דער אלטער מיהל האט געהוישעט, עטוואס זאגענדיג. און דאן האט אין דער לופט א נאכטיגאל (סאלאוויי) זיך אנגעשטעלט זיינע „כלים", אויפציהענדיג א געזאנג.

X.

„רא בעט זיך א ניגעלע" — זאגט די נאכטיגאל:

ווי אזוי האט ער דאס ווירקליך ניט פריהער פערשטאנען? וואונדערבאר!

ער איז א רעכטע ווילע געשטאנען אונבעוועגליך אויף אן ארט. דאן האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ, האט א טרויסעל געטאן די האאר און האט ליעבעפאלל געדריקט איהר האנד אין זיינע. פון איהר האנד איז געקומען אן ענטפער. האט זי ניט פריהער געדריקט זיין האנד? אה, יא, אבער דאס איז עפיס קיינמאל ניט געוועזען אזוי ווי איצט. ווען איהרע פינגער האבען זיך איצט געלאסצעט צו זיין האנד איז דאס עפעס געוועזען גאר אויף אן אנדער אופן... איבערהויפט איז דא לעבען איהם איצט געשטאנען ניט די אמאליגע עוועלינע, ניט זיין יוגענד-פריינד, נור גאר, גאר אנאנדער וועליא, א נייע, שפאגעל-נייע ווועליא: ער האט זיך עראינערט אן די טרערין, וועלכע זי האט אקארשט פערגאסען און איהם האט זיך אבגעדאכט, אז זי איז א שוואכע צערטליכע פערזאן, וועלכע בעדארף דעם שוטץ פון א זא מאן, א זא מעכטיגען, שטארקען מאן ווי ער...

און אונטער דעם איינפלוס פון די טיעפסטע צערטליכקייט, האט ער איהר מיט איין האנד צוגעצויגען צו זיין ברוסט און האט מיט די אנדערע גענומען גלעטען איהרע האאר אויפ'ן קאפ.

פערגאנגענהייט, צוקונפט — אללעס איז פלוצלינג געוועזען פערשוואונדען, ער האט נור געפיהלט זיין „איצט".

ניט ער, ניט זי האָט אַ צייט לאַנג ניט אויסגערעדט אַ זילבע. אָהן ווערטער זיינען זיך די צוויי יונגע הערצער געוואָרען איינס און נור די נאַכטיגאַלל האָט נאָך אַמאָל אויספּראָבירט איהרע שטיממע און האָט דאַן אַ לוסטיגען קנאַק געטאָן אין דער לופֿט, אויסשיטענדיג אַן ענטציקענדען מוזיקאַלישען טרעלל איבערן שטיללען גאָרטען.

„נו איצט וועט זיין גענוג, מיין ליעבער!" — האָט עוועלינע געזאָגט זיך בעפֿרייענדיג פֿון זיין אומאַרמונג, — לאָמיר צוריקגעהן צו די געסט".

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE

XI.

ער זעצט זיך ביי'ם פיאנא.

די עלטערע פּאָפּעלסקים, זייערע געסט און פּעטער מאַקסים, זיינען געזעסען אין זאַאל. נור פּעטער און עוועלינע האָבען דאָרטען געפֿעהלט. מאַקסים האָט זיך אונטערהאַלטען מיט דעם אַלטען סטאַווּ-רוטשענקאָ; די איבריגע זיינען געזעסען, ניט רעדענדיג, ביי די אָפֿענע פֿענסטער. יעדער פֿון זיי האָט געפֿיהלט אַז דעם אָוועגד שפּיעלט זיך אָב אַ'ן אונגעוועהנליכע הויזליכע דראַמאַ.

דער פּעטער האָט דאָס אויך געפֿיהלט און אָבוואָהל ער האָט אויסגעזעהן זעהר אויפֿמערקזאַם, ווען זיין פֿריינד האָט דערצעהלט איין אַנעקדאָטע נאָך די אַנדערע, האָט ער פֿון דעסט-וועגען, ניט אַראָב-געלאָזען די אויגען פֿון דער טיר, ערוואַרטענדיג אַז אָט-אָט וועלין די „קינדער" אַריינקומען. די מוטטער האָט געמאַכט בלומרשט אַ פֿרעה-ליכען פּנים, אָבער דאָס איז געוועזען ניט מעהר ווי געמאַכט. דער איינציגער, וואָס האָט זיך אַרום קיין זאַך ניט געקימערט, איז געוועזען הערר פּאָפּעלסקי: ער האָט געשמאַק געשלאָפֿען, זיצענדיג אין זיין לעהנשטוהל.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און טריט האָבען זיך דערהערט, געהענדיג צום זאַאל צו. אַלעמענס אויגען האָבען זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן נאָך יענער ריכטונג און באַלד איז עוועלינע ערשיענען און נאָך איהר דער יונגער פּעטער.

עוועלינע האָט אויסגעזעהן געלאַסען און אַזוי ווי ניט איהר מיינט מען דאָס און ווען דער פּעטער האָט אויף איהר אַ וואָרף געטאָן אַ דורכדרינגענדען בליק, פול מיט אַ פראַגע-צייכענס, האָט זי דאַרויף געענטפערט מיט אַ האַלב לוסטיגען, האַלב חוצפּה'דיגען שמייכעל, וועלכער האָט דעם אַלטען אַזוי צוטומעלט, אַז ער האָט אויף זיין פריינד סטאַוורושענקאָ'ס אַ פראַגע געענטפערט עטוואָס גלאַט אין דער וועלט אַריין. „מאַקסים איז ניט מעהר דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געוועזען" האָט דער אַלטער ביי זיך געטראַכט.

אינצווישען האָט די מוטטער גענוי בעטראַכט איהר געליעבטען זוהן.

ער האָט זיך אַוויילע אַבגעשטעלט אויפ'ן שוועל פונ'ם זאַאַל און דאַן איז ער פערטראַכטערהייט צוגעגאַנגען צום פּיאַנאָ. ווי עס שיינט האָט ער אין גאַנצען פערגעסען, אַז עס זיינען דאָ מענשען אין צימער. ער האָט זיך געזעצט ביי זיין ליעבען מוזיקאַלישען אינסטרו-מענט מיט אַ פולער האַרץ און מיט דעם וואונש דורך מוזיקאַלישע טענער אַרויסצוגעבען אַלעס, וואָס ער האָט אויפ'ן האַרצען געהאַט.

XII.

„דאָס רוף איך שפּיעלען!"

און איצט לאָזען די לעזער זיך פאָרשטעלען אַזאַ מין סצענע:

אָט עפענט דער בלינדער אויף זיין פּיאַנאָ און פאָהרט אַריבער מיט דער האַנד איבער די גאַנצע לענג פון די קלאַווישען. ער שיינט עטוואָס אָנצופרעגען ענטוועדער ביין אינסטרומענט אָדער ביי זיך אַליין.

דאַן, ניט אַראָבלאָזענדיג די פינגער פון דעם פּיאַנאָ, פער-טראַכט ער זיך. יעדע שטיממע אין צימער ווערט שטילל. דער ערשטער מוזיקאַלישער בורבעל האָט אַלעמען פעראינטערעסירט אין

דעם בעגייסטערטען בליק פֿון דעם יונגען מאַן און יעדער איינציגער וואָרט מיט אונגעדולד צו זעהן וואָס דאָ וועט זיין.

ער אָבער איילט זיך ניט. ער שיינט זיך מישב צו זיין עפּעס מיט אַן אונזיכטבאַרען גייסט. ער פֿרעגט און קריעגט, ווי עס וויזט אויס, ניט קיין בעפֿריעדיגענדען ענטפֿער. וויִט עפֿענען זיך זיינע בלינדע אויגען און ציהען זיך באַלד ווידער צונויף פֿול מיט טרערין.

אַ רעכטע ווײַלע דוכט זיך, אַז ער קען ניט געפֿינען דאָס, וואָס ער האָט אַזוי הייס געווינשט און געזוכט. פּלוצלינג מאַכט ער אַ גרויסע אָנשטרענגונג און הויבט אָן. זיינע פֿינגער בעוועגען זיך פֿון דאָס נייע און אַ גאַנצע רייהע פֿון וואונדערפֿאָללע מעלאָדיען צוערשט מילד און טרויעריג, דאַן העפֿטיג און ליידענשאַפֿטליך ברעכען זיך אַ דורך דורך די שטיללע נאַכט.

דאָס ברענגט ער איצט אַרויס אַ מאַסע האַרמאָנישע טענער, וועלכע זיין גערעכטניש האָט אין זיך אויפֿגענומען אין אַללע די יאָהרען זינט ער קען געדענקען. דאָ הערט זיך דער היילען פֿון ווינד, די בעוועגונג פֿון די בלעטער אויף די בוימער, דער פּלושקענדיגער רעגען, דער כעם פֿונ׳ם שטורעם, דער אָבגעשטאָרבענער קלאַנג פֿון אַלערליי מענשליכע שטימען און דער אויסדרוק פֿון פֿערשיעדענע אונאויסשפּרעכליכע געפֿיהלע, וועלכע די נאַטור ערוועקט אין אַזאַ צערטליכע ברוסט ווי זיינע.

די צוהערער וואַגען ניט אָבצוציעהען דעם אָטהעם. פּעטער מאַקסים זיצט און וואונדערט זיך פֿון וואָנען ביי זיין פּלעמעניק האָבען זיך גענומען אַזאַ מאַסע וואונדערבאַרע איינדריקע. אָבער בעפֿאָר דאָס שפּיעלען ערדייכט דעם העכסטען פונקט צוגיסט זיך דער מוזיקאַלישער אויספֿלוס אין אַ טאָן פֿון פֿערלעגענהייט און צווייפֿעל.

די מוזיק ווערט שטילל.

און איצט איז אויך דער צויבער געבראָכען וועלכער האָט געהאַלטען די צוהערער צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער. מי געמט זיך בעוועגען, מי וויל אויסדריקען די אונטערדריקטע בעוואונדערונג ווי איינער עפּינט אויף אַ פענכער אַרויסצולאָזען די פֿערבונדענע לופֿט, אָבער דער יונגער מוזיקאַנט דערלאַנגט פֿון דאָס נייע אַ ריהר די

קלאווישען. די מעלאָדיע הויבט זיך, שפּרייט זיך און וואַקסט, אַזוי ווי שטרעבענדיג צו עפּיס אַן ערהאַבענעם אונערריי‌כבאַרען אידעאַל.

דאַן קומט אַ נייע איבערראַשונג. דער בלינדער שפּיעלט אויף איינע פון יענע רייצענדע מעלאָדיען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט עראיננערונגען פון זיינע קינדערשע יאָהרען. דיעזע מעלאָדיע איז פול דאָ מיט ליעבע, דאָ מיט מרה-שחורה, דאָ מיט האָפנונגען און באַלד דערצעהלט זי אַ געשיכטע פון פערגאַנגענע צייטען: פון קריעג, פון העלדענטהאַטען און פון איבערגעשטאַנענע יסורים. אָבער אייך דיעזע מוזיק ענדיגט זיך עפּיס אַזוי ווי מיט אַ פראַגע-צייכען: משמעות עס איז דאָ אַ האַרבע קשיא אויף וועלכע דער שפּיעלער געפינט ניט קיין ענטפער.

ווען דאָס איז צו-ענדע שפּיעלט ער אויף אַ נייעס שטיק, — אַ שטיק, וועלכעס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון נאָטען. ער שפּיעלט דאָס נאַטירליך אויסווענדיג און מישט אַריין אין די פרעמדע מוזיק אייגענע אידעען. און ווי ער זיצט דאָ און שפּיעלט מיט אַ האַרץ וואָס קלאַפּט זעהר האַסטיג און מיט אַ געזיכט, וועלכעס ברענט פון לויטער ענטהוזיאַזמוס, שיינען די צוהערערס צו האָבען פערגעסען אַלעס אין דער וועלט חוץ דעם מוזיקאַנט און זיין שפּיעלען. נור דער עלטערער פון סטאַוורוטשענקאָ׳ס זיהן, זייענדיג אַליין אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקאַנט און אַ קריטיקער, זיצט און טראַכט: „וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אונגעוועהנליכע פאָרשטעלונג״, און וויל אַרויסגעפינען אין וואָס דער זעלטענער רייץ בעשטעהט.

און נון קען זיך דער אַלטער סטאַוורוטשענקאָ שוין מעהר ניט איינהאַלטען. ער נוקט פעטער מאַקסימען צו מיט׳ן עללענבויגען און זאָגט צו איהם רעדענדיג אַזוי שטיל ווי ער קען נור:

„אָט דאָס רופ איך שפּיעלען! אָה, יאָ! דאָס איז מוזיק״.

עוועלינע רעדט ניט, אָבער זי איז ניט ווייניגער ענטציקט. זי פערשטעהט איהר געליעבטען׳ס שפּיעלען אויף אַ גאַנץ בעזונדערן אופן. זי הערט דאַרין דעם גאַרגלען פון דעם וואַסער לעבען די אַלטע מיהל.

די מוטטער וויעדער דערקענט אין זיין בליק עטוואָס אַזוינס

וואָס זי וואָלט ניט קענען בעשרייבען, אָבער וואָס עראינערט איהר אָן דעם טאָג ווען איהר קליינער פעטריק האָט געחלש'ט אויפ'ן בערגעל ביין טייך.

און נון איז די גאַנצע פאָרשטעלונג געענדיגט. דער אַלטער סטאַוורוטשענקאָ שפּרינגט אויף פון זיין אָרט, כאַפּט דעם יונגען מאַן אַריין אין זיינע אָרעמס און רופט אויס זעהר צוטראָגען:

„בריליאַנט! דו שפּיעלסט גרויסאַרטיג, מיין ליעבער יונגע!"

די יונגע לייט, ניט וועניגער צוטראָגען, דריקען איהם מיט ליעבע די האַנד. דער סטודענט זאָגט נביאות אַז פעטריק וועט האָבען אַ גרויסע צוקונפט.

„געוויס, געוויס! — כאַפּט אונטער זיין ברודער דער מוזיק-קריטיקער — איך ערוואַרטע אַ בריללאַנטענע צוקונפט. אייער אויפ-פאַסונג פון אונזערע פאָלקסליעדער איז איינפאַך וואונדערבאַר. אָבער וואָס איז דאָס געוועזען פאַר אַ שטיק וועלכעס איהר האָט צולעצט געשפּיעלט?"

פעטער האָט אָנגערופען אַן איטאַליענישען „מייסטער".

— „גאַנץ ריכטיג! — האָט יענער ווייטער געזאָגט — איך קען דאָס שטיק, אָבער אייער סטיל איז זעהר אָריגינעלל. פיעלע שפּיעלען דאָס בעסער ווי איהר, אָבער קיינער שפּיעלט ניט אויף אַזאַ אָרט".

„ווארום זאָגסטו, אַז פיעלע שפּיעלען עס בעסער?" האָט דער אַלטער סטאַוורוטשענקאָ געפרעגט.

— „איך מיין, פערשטעהסטו — האָט זיין זוהן געענטפערט — אַז די, וואָס איך האָב געהערט שפּיעלען דאָס שטיק, האַלטען זיך פעסט ביין טעקסט. פעטער אָבער שיינט צו האָבען איבערזעצט די איטאַליענישע מוזיק אויף אוקראַיינא-שפּראַך".

דער בלינדער האָט אויפמערקזאַם געהאָרכט. צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער געפיהלט, אַז ער איז עפּיס ווער עס איז, אַז מענשען רעדען אַרום איהם, אַז ער קען זיך מיט עטוואָס אויסצייכענען.

מיט אַמאָל האָט ער געפיהלט, אַז עס האָט איהם ווער עס איז וואַרם אַ דריק געטאָן ביי דער האַנד. דאָס איז געוועזען

װועלינע, װעלכע האט מיט א פרײדיגע איפרעגונג צו איהם געזאגט:

„האסטו געהערט? דו װעסט האבען דײן ארבײט און לעבען מיט אלעמען צוגלײך . . . אה, װען דו װאלסט נור געקענט זעהן װאס פאר א מאכט דו האסט איבער מענשען װען דו שפּיעלסט!“

דער בלינדער האט זיך א טרײסעל געגעבען און האט זיך אויסגעגלײכט.

קײנער האט ניט בעמערקט דיעזע קלײנע סצענע, חוץ די מוטטער. איהר געזיכט איז רויט געװארען פאר שמחה פונקט אזוי װי זי װאלט אקארשט געקראגען דעם ערשטען קוש פון א יונגע לײדענשאפטליכע ליעבע.

דער בלינדער איז געבליבען זיצען אויף זײן ארט מיט א בלײכען געזיכט און מיט א גאנצע מאסע פון אלערלײ געפיהלע, װעלכע זײנען ארויסגערופען געװארען דורך זײן נײעם גליק. פיעללײכט האט ער אויך געפיהלט דאס אנקומען פון א נײעם שטורעם . . .

ענדע פון פיערטען טהײל.

פינפטער טהײל

I.

װאס איז דער מעהר מיט איהם?

דעם נעכסטען טאג האט זיך דער בלינדער אויפגעכאפּט זעהר פריה. אין הויז איז נאך אלעס געװעזען שטיל. דורכ'ן פענסטער װעלכער איז איבער נאכט געבליבען אפ'ען האט זיך ארײנגעגאסען פונ'ם גארטען די גאנצע פרישקײט פונ'ם פריהמארגען.

ער איז געלעגען אין בעט עטליכע מינוט זיך צוהערענדיג צו די פיפצעריי פון א פייגעלע ערגיץ וואו אין גארטען.

„וואס איז מיט מיר געוועזען" — האט ער ביי זיך געטראכט און אין דעמזעלבען אויגענבליק האט זיך איהם אבגעדראכט או ער הערט איהרע ווערטער, — די זיסע ווערטער, וועלכע זי האט אויסגעשפראכען נעכטען ביין מיהל: „איז דאס דיר גאר קיינמאל אין קאפ ניט אריינגעקומען? אה, דו נארעלע!"

ניין, איהם איז דאס ווירקליך קיינמאל ניט אריינגעקומען אין מוח. איהר זיין נאהנט לעבען איהם האט איהם געווים איממער געמאכט פריידע, אבער ער האט דאס ביז דעם פערגאנגענעם אווענד ניט ריכטיג פערשטאנען פונקט ווי מיר מערקען ניט די לופט, וועלכע מיר אטהעמען איין. דיזע פראסטע ווערטער זיינען אראפגעפאלען נעכטען אויף זיין זעעלע ווי עס פאלט פון דער הויך א שטיין אויף די שפיגעלדיגע אויבערפלעכע פונ'ם וואסער: נאר-וואס איז עס געוועזען גלאט און פלאך און האט רוהיג אבגעשפיגעלט דעם שיין פון די זונן דעם גלאנץ פון דעם בלויען הימעלגעוועלב. איין קלאפ, און דאס וואסער איז צובורעט ביז'ן סאמע גרונד.

איצט האט ער זיך אויפגעכאפט מיט אן ערפרישטע זעעלע. זיין אמאליגע פריינדין איז איהם פארגעקומען אין א נייע געשטאלט. איהר שטימע איז געוועזען דאכט זיך אנאנדערע און ער האט דורכגעמוסטירט אין די געדאנקען אלע איהרע זיסע ווערטער. „אה, דו נארעלע!" האט ער פון דאס נייע געהערט.

ער האט זיך האסטיג אנגעטאן און איז אוועקגעגאנגען צו דער אלטער מיהל. דאס וואסער האט ווידער געהוזשעט ווי נעכטען, מעהר נישט איצט איז געוועזען ליכטיג און די ליכטיגקייט האט ער קיינמאל ניט אזוי דייטליך „געפיהלט" ביז דעם מאמענט.

אבער ביסלעכווייז האט זיך גענומען קלייבען א פינסטערער וואלקען איבער זיין גליקליכען, פרעהליכען געמיטה. א נייעס געפיהל שרעקליך וואקסענדיג פון מינוט צו מינוט, האט ביסלעכווייז ערגריפען זיין גאנצע זעעלע ביז זיין פריידע, זיין גליק און זיין גאנצער לעבען איז געוועזען בעדעקט מיט דיזען גרויסען שווארצען וואלקען, וואס

האט זיך נאר-וואס בעוויזען אויף דעם היממעל פון זיין זעעלע.

גאנצע שטונדען האט ער פערבראכט אין דער אלע וואו זי האט זיך איהם ערקלעהרט אין ליעבע, וואו ער איז א ווייליגקע געוועזען אזוי גליקליך. אלעס אומזיסט! וואס מעהר ער האט זיך געמאטערט זיך אויפצומונטערן האט ער אלץ מעהר און מעהר געליטען.

וואס איז געוועזען דער מעהר מיט איהם? ער האט ליעב געקראגען זיין וועליא, זיין גוטען ענגעל, וועלכע איז פאר איהם איצט ערשיענען אין א נייע געשטאלט און — און ער האט געוואלט זי זעהען.

II.

די מוטטער און איהר זוהן.

ווען די געסט זיינען אוועקגעפאהרען איז אין הויז פון דאס נייע שטיל געווארען אזוי ווי אמאל. נור אין פעטערס כאראקטער איז א גרויסע ענדערונג ענטשטאנדען. ער איז געווארען זעהר אויפגערעגט און נערוועז, זאגאר קאפריזנע. איז עוועלינע געוועזען לעבען איהם, פלעגט ער צייטענווייז נאך אויסזעהן גליקליך און לעבעדיג ווי אמאל, אבער דיעזע גליקליכע אונטערברעכונגען פון זיין געוועהנליכע מרה-שחורה זיינען אימער געוועזען אלץ קירצער און זעלטענער וואס א טאג לענגער. וועליא'ס איינפלוס איז רק געווארען קלענער ביז עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ער פלעגט ארומגעהן גאנצע טעג א צומישטער.

ענדליך האט מאדאם פאפעלסקי געגומען איינזעהן אז די שרעקליכע חלומות, וועלכע פלעגען אמאל צושטערן די רוהיגע נעכט פון זיין קינדהייט, זיינען צוריק געקומען און די ארימע מוטטער איז געוועזען אויסער זיך.

איין פריהמארגען האט זי זיך אויף די שפיצפינגער אריינגעגנב'עט צו איהם אין שלאפצימער. זי האט איהם געפונען שלאפענדיג זעהר אונרוהיג און זיך קעהרענדיג פון איין זייט אויף די

אנדערע, מיט אַ בלייכֿען צוטראָגענעם פּנים און מיט די בלינדע אויגען האַלב אָפֿען אַזוי ווי אויסגעשטעלט אויף עפּיס וואָס.

זי איז געשטאַנען לעבען איהם מיט אַ פֿערביטערטען האַרצען, טראַכֿטענדיג וואָס דער גרונד פֿון זיין אויפֿרעגונג קען זיין, — אַן אויפֿרעגונג, וועלכֿע איז אין איהרע אויגען אַלץ מעהר און מעהר גע־וואַקסען, וואָס מעהר זי האָט איהר זוהן בעטראַכֿט.

און ווי זי איז געשטאַנען ביי איהר קינד'ס בעט האָט זיך איהר מוח אַזוי צוהיצט, אַז איהר איז פֿאָרגעקומען שרעקליך און איבער־נאַטירליך די פֿאָלגענדע גאַנץ געוועהנליכֿע זאַך:

דאָס איז געוועזען אַ געלער זונענשטראַהל, וועלכֿער איז גע־פֿאַלען אויפֿ'ן וואַנד איבער „פּעטריק'ס" קישענס און האָט זיך לאַנגזאַם אַזוי ווי אַרונטערגעגליצט, ביז ער האָט דערגרייכֿט דעם יונגען מאַן'ס אויגען, בעלייכֿטענדיג זיין געזיכֿט, וועלכֿעס איז אינצווישען געוואָרען בלייך ווי קאַלך. דער שטראַהל האָט זיך דאַן צומישט מיט פּעטערס האָאָר און האָט זיך בעזעצט אויף זיין שטערן. עפּעס אַזוי ווי איהם צו בעשיטצען פֿון אַ בייזען גייסט, האָט די מוטטער זיך איינגעבויגען איבער פּעטערן, אָבער צוגעהן נעהנטער האָט זי ניט געקענט: איהרע פֿים זיינען געוועזען אַזוי ווי אָבגענומען.

און איצט האָבען דעם שלאָפֿענדיגען'ס אויגענלידער זיך ווייט געעפֿענט, פֿון די אונבעוועגליכֿע שוואַרצאַפּעלס זיינען אַרויסגעקומען פֿונקען; זיין קאָפּ האָט אויסגעזעהן העכֿער איבערן קיסען אַ שטייגער ווי דער פֿלום פֿון ליכֿטשטראַהלען וואָלט איהם אויפֿגעהויבען, — דער פֿלום וועלכֿער איז איצט אַריינגעקומען אין צימער. פּעטער'ס געזיכֿטסציגע האָבען זיך צונויפֿגעצויגען האַלב ווי צו אַ שמייכֿעל, האַלב ווי צו אַ זיפֿץ.

מאַראַם פּאָפּעלסקי האָט זיך ענדליך אַ ריהר געטאָן און צו־קומענדיג נעהנטער צום בעט, האָט זי אַרויפֿגעלעגט איהר האַנד אויף זיין קאָפּ.

מיט אַ קאָנוואולסיווען טרייסעל האָט פּעטריק זיך אויפֿגעכֿאַפּט.

„דו, מוטטער?" האָט ער איבעררעאַשט געפֿרעגט.

— „יאַ, מיין קינד, דאָס בין איך".

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן עללענבויגען און, זיך אַ ביסעל אויסצוכֿענענדיג, האָט ער געזאָגט:

„האָב ווידער געזעהן אַלערליי זאַכֿען אין חלום. איך זעה זיי זעהר אָפֿט!“ און דערלאַנגענדיג אַ זיפֿץ האָט ער צוגעלעגט די ווערטער: „אָבער איך געדענק גאָר-נישט, גאָר-נישט“.

III.

עס ווערט ניט בעסער.

אַ גאַנצער יאָהר איז פֿערגאַנגען זינט יענעם פֿריהמאָרגען און פּעטער'ס מרה-שחורה האָט זיך ניט נור ניט פֿערקלענערט, זי איז זאָגאַר געוואָרען אַ מין שטענדיגע קראַנקהייט. זיינע נערווען זיינען געוואָרען נאָך מעהר אָנגעשטרענגט און יעדע קליינינקייט האָט איהם אויפֿגערעגט. אין דערזועלבען צייט איז זיין אויער געוואָרען שאַרפֿער אויפֿ'ן געהער ווי פֿריהער. די ליכֿטיגקייט האָט ער איצט געשיינט צו פֿיהלען מיט זיין גאַנצען אָרגאַניזמוס. ער האָט געקענט דערקענען ווען ביי נאַכֿט האָט געשיינט די לבנה און ווען ניט. זעהר אָפֿט, ווען אַלע פֿלעגען שוין שלאָפֿען, פֿלעגט ער אויפֿשטעהן און אַרוים-געהן אין גאָרטען, זיך אַוועקזעצענדיג אַ פֿערקוממערטער און טראַכֿ-טענדיג ביז די לבנה פֿלעגט זיך בעווייזען אויפֿ'ן הימעל און בעלייכֿטען זיין געזיכֿט. דאַן פֿלעגט ער עטוואָס צופֿריעדענער צוריק אַריין-געהן אין הויז און זיך לעגען שלאָפֿען.

זיין מרה-שחורה האָט ערדייכֿט אַזאַ הויכֿען גראַד, אַז אפילו זיין געליעבטע האָט אָפֿט מורא געהאַט מיט איהם צו רעדען אום ניט צו מאַכֿען ערגער דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט פֿערבעסערן. קיינער האָט, געמליך, ניט געוואוסט ווי איהם צוצוטרעפֿען.

„דו מיינסט איך ליעב דיך?“ האָט ער איהר איין טאָג האַסטיג אַ פֿרעג געטאָן.

— „איך ווייס עס, ליעבסטער“ — האָט זי געזאָגט. ער אָבער

האָט געענטפערט אין אַ טאָן פון איינעם, וואָס פיהלט זיך צובראָכען און צוקלאַפּט:

„איך ניט. ניין, איך ווייס עס ניט. עס איז געוועזען אַ צייט ווען מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך ליעב דיך מעהר ווי די גאַנצע וועלט, איצט צווייפעל איך דאַרין. פערלאָז מיך! געה צו יענע, וועלכע רופען דיך צו אַנאַנדער זאָרט לעבען. געה, איידער עס ווערט צו שפּעט.

— „אָה, ווארום קוועלסטו מיך אַזוי!" האָט זי אויסגערופען.

„איך קוועל דיך? נו, לאָז זיין אַזוי, און איך וועל דיך אַזוי קוועלען מיין גאַנצען לעבען. איך קען מיר ניט העלפען. איך מוז. געה. לאָז מיך איבער צו מיין שיקזאל. איך קען דיר נור געבען אונגליק פאַר דיין ליעבע".

אַנאַנדערסמאָל ווען ער איז געוועזען אין אַ בעסערע לוינע פלעגט ער אַזוי טענה'נען:

„איך וויל זעהן. פון דיזעם וואונש קען איך מיך ניט בעפרייען: ער געהט מיר ניט אַרויס פון זינען. ווען איך וואָלט נור איין איינציגעס מאָל געקענט זעהן אפילו נור אין אַ חלום — זעהען דעם הימעל, די ערד, די ליכטיגע זונן און דאַן זיי געדענקען אויף אימער; ווען איך וואָלט נור געקענט חאָטש איין מאָל זעהן מיין פאָטער, מיין מוטטער, מאַקסים'ען און דיך אליין, וועליאַ, — וואָלט איך שוין געוועזען צופריעדען צו ליידען דעם רעשט פון מיינע יאָהרען.

אָט אַזוי איז זיין גייסט אימער געוועזען פערפאָלגט פון איין אידעע: ער האָט געוואָלט זעהן. דערמיט האָט ער אימער געקוועלט אי זיך אליין, אי די אַרומיגע מענשען.

ISIDOR ...WITZ LIBRARY OF IV

דער קאַליר פון אַ מעלאָדיע.

פעטער, עוועלינע און דער פעטער מאַקסים זיינען איין טאָג געזעסען צוזאַמען.

„ער פֿרעגט מיך — האָט וועליאַ געזאָגט צום אַלטען — וואָס מענשען מיינען דערמיט ווען זיי זאָגען, אַז מעלאָדיען האָבען קאָלירען און איך קען דאָס איהם ניט ערקלערען".

— „צו-וואָס איז דאָס נעטהיג צו וויסען ?" האָט דער פֿעטער מאַקסים געפֿרעגט.

„ניט זעהר וויכטיג — האָט דער בלינדער אַריינגערעדט, ציקענדיג מיט די אַקסלען, — מעהר נישט מיר האָט זיך געדאַכט אַז אויב מוזיקאַלישע טענער האָבען פֿאַרבען און איך קען אַ קאָליר ניט זעהען, דאַן קומט דאָך אוים אַז איך קען אפילו די מוזיק ניט אין גאַנצען בעהערשען".

— „אונזין! דו ווייסט גאַנץ גוט — האָט דער אַלטער געזאָגט — אַז דו הערסט און בעגרייפֿסט טענער בעסער פֿאַר פֿיעלע זעהענדיגע".

„אָבער וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג האָט דער אויסדרוק? עטוואָס מוז ער דאָך בעדייטען!"

— „דאָס איז נור אַ מעטאַפֿאָר, נור אַ מיטעל צובעגרייפֿען געוויסע זאַכען. און אַזוי ווי דאָס קלאַנג און דאָס ליכט זיינען אין גרונדביידע אַ פֿאָלגע פֿון בעוועגונג, דאַרום רעכענט מען אַז עס מוז צווישען זיי ביידען זיין אַ פֿערגלייך". — דער אַלטער האָט זיך אַ ווילע פֿערטראַכט און האָט געזאָגט: „געדענקסטו ניט, ווי די מוטטער האָט דיר אַמאָל, ווען דו ביסט נאָך געוועזען אַ קינד, פּרובירט געבען צו פֿערשטעהן דעם אונטערשיעד אין פֿאַרבען דורך טענער אויפֿ'ן פּיאַנאָ".

„יאַ, און דאַן האָסטו, פֿעטער, געזאָגט אַז זי זאָל דאָס מעהר ניט טאָן. פֿיעללייכט . . . ווען דו וואָלסט ניט געשטערט, וואָלט איך איצט שוין פֿערשטאַנען".

— „איך גלויב דאָס ניט. פֿון דעסטוועגען מיין איך, אַז אין אַ געוויסען צושטאַנד מוז אויף אַ מענשען זיין דער אויסדרוק פֿון ליכט און קלאַנג דערזעלבער. ווען מיר זאָגען, למשל, אַז איינער זעהט זאַכען אין אַ ראָזיגען ליכט, מיינען מיר דערמיט, אַז ער איז גוט געשטימט. בון, אַ מענש קען זיך נעהמען פֿיהלען פֿרעהליך און גליקליך דורך

אַ צוזאַמענזעצונג פֿון געוויסע טענער און דאַרום זיינען ביידע — דער קלאַנג און דער קאָליר — אַן אויסדרוק, אַ צייכען, אַ סימבאָל פֿון דיזעלבע געמיטהס-בעוועגונגען.

דער אַלטער האָט פֿערדרויכערט זיין טרעבקע און האָט גענוי בעטראַכט זיין פלעמעניקס געזיכט. פעטער איז געזעסען און האָט געהאָרכט זעהר אויפֿמערקזאַם ווי איינער, וואָס וואָלט גערן געהערט נאָך מעהר. דאָס בעמערקענדיג, האָט פעטער מאַקסים עטליכע גוטע ציעהען געטאָן פֿון זיין פֿייף און האָט פֿאָרטגעזעצט:

— „רויט דריקט אויס פֿריידע און ליידענשאַפֿט'.

„דאָס הייסט אַז רויט בעדייטעט וואַרם?"

— „יאַ, רויטקייט און וואַרמקייט. פֿרוכט איז איממער רויטער אויף דער זייט וועלכע איז מעהר אויסגעשטעלט צו די וואַרימע שטראַהלען פֿון דער זונן. אויף דעם אופן איז די יוגענד די צייט פֿון בליהען און פֿון שטאַרקע ליידענשאַפֿטען אויסגעדריקט אין די פֿאַרבע רויט אפילו אין פֿלאַנצען, רויטקייט איז אויך דער קאָליר פֿון פֿריידע זינדע, צאָרן, וואוטה און ראַכע. אָבער פֿערשטעהסטו דאָס אַלעס?'

„מאַכט ניט אויס, רעד וויטער פֿעטער מאַקסים".

— „נו, דאָסזעלבע איז ווידער מיט די אַנדערע קאָלירען. צום בײַשפּיעל, דער הימעל איז בלוי און דאַרום שטעלען מיר זיך פֿאָר די אונגעשטערטע רוהע אַזוי ווי זי וואָלט געוועזען בלוי. ווען דער הימעל איז טיעף-בלוי פֿיהלען מיר זיך רוהיג און זיכער. ווען אָבער ער ווערט פֿערדונקעלט פֿון וואָלקענס, ווערן מיר בעדריקט אין האַרצען און געשטערט אין אונזער געמיטה. פֿיהלסטו ניט אַליין דעם אָנקומען פֿון אַ שטורעם?"

„אָה, יאַ!"

— „זעהר גוט. מיר ווינשען דאַן אַלע אַז דער הימעל זאָל זיך אויפֿקלערען: דאָס מאַכט אונז פֿרעהליכער. דער הימעל איז בלוי און אַזוי אויך דער ים ווען ער איז שטילל. „דיין מוטטער'ס אויגען זיינען בלוי, וועליאַ'ס אויך".

„ווי דער הימעל?"

— „יאַ, און בלויע אויגען האַלט מען פֿאַר אַ צייכען פֿון

אַ הייטערן געמיטה, גרין ווידער איז דער קאָליר פֿון די נאַטור. גרין בעדייט שטיללען גענוס, געזונדהייט, אָבער ניט ליידענשאַפֿט, אָדער וואָס מענשען רופֿען גליק . . . פֿערשטעהסטו?"

„ניט אין גאַנצען, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. זעץ פֿאָרט".

— „נו, דאָ ביי אונז קומט אַלע יאָהר אַ צייט, ווען אַללעס וואָס לעבט און וואַקסט אויף דער ערד שיינט אָבצושטאַרבען. שנעע פֿאַלט אויף דער ערד און זי ווערט גלאַט און ווייס. ווייס איז די פֿאַרב פֿון דעם קלאָרען שנעע און פֿון די וואָלקענס אויף די הויכֿע, הויכֿע בערג, וואו קיין זאַך וואַקסט ניט, דערפֿאַר דריקט אויס די ווייסע פֿאַרבע אונגעשטערטע רוהע, הייליגקייט און איז פֿערבונדען מיט דער אידעע פֿון אַ קינפֿטיגעם לעבען אָהן קערפערליכֿע ליידענשאַפֿטען. וועהרענד שוואַרץ . . ."

„איך ווייס — האָט פעטער אונטערבראָכֿען — שוואַרץ איז ווען עס איז ניטאָ קיין קול, קיין בעוועגונג, ווען עס איז נאַכֿט".

— „יאַ, און דערפֿאַר איז אויך שוואַרץ דער צייכֿען פֿון טויט".

„אַה, דער טויט, דער טויט! — האָט דער יונגער מאַן אויס-גערופֿען אין אַ ביטערן טאָן — דו רעדסט פֿון שוואַרץ און טויט, נון, פֿאַר מיר איז די גאַנצע וועלט שוואַרץ, שוואַרץ, דער טויט, אָה, דער טויט אומעטום און איממער".

— „ניין, מיין פֿריינד — האָט דער אַלטער געענטפֿערט — דאָס איז ניט וואַהר, דאָס איז גאַנץ ענטשיעדען ניט וואַהר! דו פֿיהלסט די וואַרמקייט, דו בעגרייפֿסט קלאַנג, מוזיק און די מענשליכֿע שפּראַכֿע".

„געוויס, געוויס. יאַ, איך הער די וואַרימע רויטע טענער, די צערטליכֿע בלויע טענער, די שטאָלצע ווייסע טענער, וועלכֿע שוועבען אין די אונערגרייכֿבאַרע הויכֿע ערטער. דאָס איז שוין גאַנץ ריכֿטיג, אָבער די טענער וועלכֿע זיינען אַם נעהנסטען צו מיין ברוסט זיינען די שוואַרצע טרויעריגע; די טענער, וועלכֿע זיינען פֿולל פֿון יסורים, וועלכֿע פֿערשפרייטען טרויער און אונגליק איבער די גאַנצע אויבערפֿלעכֿע פֿון דער ערד. ווייסטו? אפילו ווען איך שפיעל, פֿיהל איך איצט ניט מעהר קיין פֿערגעניגען. מיר דאַכֿט זיך אַז איך וויין אויפ'ן פיאַנאָ.

האסטיג האט פעטער מאקסים געצויגען א ציעה נאך א ציעה פון זיין טרובקע בשעת זיין פלעמעניק האט גערעדט. ווען ער האט געענדיגט, האט ער איהם געהאלטען א דרשה.

הער-צו, פעטער — האט דער אלטער מאקסים געזאגט, אויפשטעהענדיג פון זיין פלאץ און רעדענדיג מיט גרויס אימפעט — דו שטרעבסט צו ערגרייכען דאס וואס איז אונמעגליך און פערגעסט דערווייל דאס גליק וועלכעס דו האסט. בעדענק נור ווי צערטליך דו ווערסט בעהאנדעלט, מיט ווי פיעל ליעבע מי פאסט דיך אויף, מי העלפט דיר און מי לערנט דיך זינט דו ביסט געבארען געווארען. דו ווילכט דאס אללעס ניט פערשטעהן; דו ליידסט און גריזשעסט זיך וויל דו ביסט אן עגאאיסט, וויל דו ליעבסט נור זיך אליין. דו ביסט אזוי פערטאן מיט דיינע אייגענע ליידען אז דו געפינסט קיין פלאץ ניט אין דיין הארצען פאר קיין שום אנדער זאך.

— „דו ביסט גערעכט — האט דער פלעמעניק זיך אבגערופען — מיינע בלינדהייט פערנעהמט ווירקליך מיין גאנצען מוח און איך קען מיך דערפון ניט אוועקרייסען. זי פערפאלגט מיך איבעראלל און אימער".

„אה, פעטריק — האט מאקסים געענטפערט — ווען דו וואלסט גוי' וויסען, ווען דו וואלסט נור ריכטיג בעגרייפען, אז אין דער וועלט זיינען דא מענשען, וועלכע זיינען הונדערט מאל אזוי אונגליקליכער ווי דו, — מענשען וואס לעבען אזוי שרעקליך שלעכט אז, פערגליעכען מיט זיי, ביסטו נאך אין זיעבעטען הימעל..."

— „עס איז ניט וואהר, עס קען ניט זיין וואהר! — האט דער יונגער מאן אויסגעשריען — איך וואלט ליבערסט זיין א בעטלער איידער א בלינדער. וואלט איך געוועזען א געוועהנליכער בעטלער, דאן וואלט איך געוועזען א גליקליכער מענש. איך וואלט האבען וואס צו טאן און מיינע געדאנקען וואלטען זיין בעשעפטיגט מיט זארגען וועגען מיין חיונה. דער פערדיענסט פון עטליכע גראשען אויף א שטיקעל ברויט און א נאכטלעגער וואלט ערפיללען מיין הארץ מיט פריידע, וועהרענד איך וואלט אין שלעכטע צייטען האבען צו דאגה'נען אויף עסין און שלאפען און וואלט ניט האבען אין קאפ

קיינע אנדערע געדאנקען. יעדענפאלס וואלט איך וועניגער ליידען ווי איצט".

„איז דאס ביי דיר זיכער?" האט מאקסים קאלטבלוטיג געפרעגט. ער האט א בליק געטאן אויף עוועלינען און אין דיעזען בליק איז געוועזען אויסגעדריקט רחמנות און צערטליכקייט. זי, עוועלינע, האט אויסגעזעהן בלייך, פערזארגט און צומישט.

— „דאס איז ביי מיר גאנץ זיכער!" האט דער בלינדער האסטיג געענטפערט.

„גוט, איך וועל ארום דעם מיט דיר ניט שטרייטען — האט דער פעטער געזאגט — פיעללייכט ביזטו גערעכט. פיעללייכט וואלסטו, זייענדיג א בעטלער, געוועזען זאגאר אין אן ערגערע לאגע, אבער דערפאר א בעסערער מענש. איצט רעדסטו און ווירקסט ווי א פראסטער עגאאיסט".

דאס זאגענדיג איז דער אלטער סאלדאט, ארומגערינגעלט מיט א וואלקען פון טאבאק-רויך, ארויסגעגאנגען פונ'ם צימער.

דיעזער געשפרעך האט קיין ווירקונג ניט געהאט. דער יונגער מאן איז געבליבען, ווי געוועזען, א מענש וועלכער, קעמפפט אומזיסט מיט זיך און מיט דער וועלט, גאהרענדיג נאך דעם ליכט, וועלכעס ער האט ניט געקענט קריעגען.

V.

דער בלינדער און די בלינדע.

א וויארסט זיעבעציג פון די פאפעלסקי'ס איז אין א קליין שטעדטעל געוועזען א בעריהמטע קאטוילישע קירכע. די קירכע איז געוועזען בעריהמט דורך דעם וואס אין איהר האט זיך איינגעפונען א „הייליגעם בילד" (א איקאנא) און מענשען פלעגען קומען פון ווייט און בווייט צו דיעזעם בילד, ערשטענס וויל דער אויסגעמאלטער הייליגער האט „געקענט" אויפטאן אלערליי נסים און צווייטענס וויל דער עולה-לרגל זיין צו דעם הייליגענם געבורטס-טאג איז געוועזען

ביין פאָלק אַ זיבערעס מיטעל אָבצוקומען גאַנצע צוואַנציג טעג עבירות און שפעטער נאָכ'ן טויט אַזוי פיעל וועניגער צו זיין אין גיהנם.

אין דער צייט פון דעם הייליגען געבורטס-טאָג איז געפאַלען דער יאָהרמאַרק און סוחרים, אַזוי גוט ווי פרומאַקעס און בעטלער, זיינען אין גרויסע מאַסען אָנגעקומען אין שטעדטעל. די קירכע איז דעם טאָג געוועזען פיין אויסגעפוצט, אַרום איהר זיינען געגאַנגען פראָצעסיאָנען און מענשען — זאַמד און ערד.

דער וועג צו דער קירכע איז פון ביידע זייטען געוועזען בעלאַגערט מיט בעטלער אַלטע און יונגע, וועלכע האָבען געהאַלטען די הענד אויסגעשטעלט, בעטענדיג אַ נדבה.

צווישען די מאַסע מענשען, וועלכע זיינען געגאַנגען דורך די גאַס און דורך די צוויי רייהען בעטלער, זיינען געוועזען יענעם טאָג מאַקסים, פעטער, און יאָכים. זיי זיינען געוועזען אָנגעקומען צום יאָהרמאַרק און האָבענדיג אַלעס איינגעקויפט וואָס זיי האָבען בעדאַרפט, האָבען זיי זיך דורכגעשטופט דורך די מענגע אום צו געהן אַהיים צו זייער אכסניא. מיט אַמאָל האָבען מאַקסים'ס אויגען גענומען לייכטען ווי ביי איינעם, וואָס קומט פלוצלינג אויף אַ גוטען איינפאַל. ער האָט אַ קירעווע געטאָן אין אַ זאַוואולאָק אַריין, וועלכער האָט געפיהרט צו די פעלדער צו.

זיי זיינען באַלד געוועזען אויסען שטאָדט. די מענגע מענשען איז דאָרטען געוועזען שיטערער. פערטראַכט און אַזוי ווי אויסגעטאָן פון אַלע אַנדערע זאַכען אין דער וועלט, איז געגאַנגען דער יונגער מאַן לעבען זיין פעטער, זיך צוהאָרכענדיג צו אַלל די שטיממען אַרום איהם, קלערענדיג וואָהין דער אַלטער פיהרט איהם. אַ שוידער האָט איהם אָפט דורכגענומען און אַזוי ווי דער טאָג איז געוועזען אַ דומפיגער קאַלטער אָקטאָבער-טאָג האָט ער אָפט צונויפגעצויגען זיין וואַרימען מאַנטעל אויף זיך.

געהענדיג ווייטער זיינען די דריי מענער באַלד געקומען צו אַן אָרט וואו עס איז געשטאַנען אַ שטיינערנער זאַייל מיט אַ לאַמטערנע און אונטער איהר אַן איקאָנאַ. די לאַמטערנע, אין וועלכע עס האָט

זיך קיינמאל ניט געזעהן א פונק פייער, האט נור געלאזט וויסען, אז זי איז אויף איהר ארט ווען זי האט געקראקט, ווערענדיג בעוועגט פון א שטארקען ווינד.

ארום דיזען זאייל זיינען געזעסען בלינדע בעטלער, וויל די זעהענדיגע האבען געהאט פערנומען אלע „גוטע" פלעצער ביין קירכע. מיט א הילצערנע פושקע אין דער אויסגעשטרעקטען האנד, האט אמאל דער, אמאל יענער פון זיי אויסגעזונגען אין א טרויעריגען טאן:

א נדבה פאר די בלינדע,
א נדבה פאר די בלינדע,
א נדבה, גוטע לייט!

און דא זיינען־זיי געזעסען די בלינדע פונ'ם פריה-מארגען ביז איצט דעם גאנצען טאג דורכגענומען פון דעם שארפען קאלטען ווינד, וועלכער האט אויף זיי געבלאזען פון דער סטעפע. זיי האבען ניט געקענט ארומגעהן אין שטאדט און דורך די בעוועגונג דערוואַרימען זייערע גליעדער. דא זיינען זיי געזעסען הונגעריג, פערפרארען און פערקאליעט און די ווערטער „גיט א נדבה", וועלכע זיי האבען אזוי מרה-שחורה-דיג אויסגעזונגען, האבען אויסגעדריקט אונבעשרייבליכע ליידען און קערפערליכע יסורים.

דער יונגער פעטער איז געשטאנען אזוי ווי פערשטיינערט. זיין געזיכט האט געוויזען אזוי פיעל שוידערהאפטיגקייט און מיטלייד אזוי ווי ער וואלט פלוצלינג גענומען זעהן און וואלט דערזעהן אלער-ליי שרעקעניסען.

„ווארום זעהסטו אויס אזוי צוטומעלט?" האט פעטער מאקסים צו איהם געזאגט, — דאס זיינען די גליקליכע בלינדע בעטלער וועלכע דו האסט אנומאלט אזוי בענייךעט. אט זיינען זייערע הענד אויסגעשטעלט, בעטענדיג א נדבה. דאס איז די ארט ווי אזוי זיי פערדיענען זייער לעבען. עס איז זיי, רעכין איך, אפילו עטוואס קאלט, וויל מיר אליין, ווארם אנגעטאן ווי מיר געהען, פיהלען גוט די קעלט און זיי זיינען דערצו נאך הונגעריג, שרעקליך הונגעריג... אבער דאס איז גוט פאר זיי, ניין? דאס גיט זיי עטוואס ארום וואס

צו דענקען, עטוואָס אָנצופילען זייערע מוחות, אַרום וואָס צו טראַכטען אויף דעם קומענדיגען טאָג. דאָס מאַכט זיי ענערגישער בעטלען..."

— „לאָמיר געהן, לאָמיר שנעל אַוועקגעהן פון דאַנען, פעטער!" האָט דער יונגער מאַן אויסגעשריען, אָננעהמענדיג דעם אַלטען פאַר'ן האַנד.

„וואָס? האָט דיעזער געזאָגט — שוין אַוועקגעהן? איז דאָס דער איינציגער געדאַנק, וועלכען זייערע אונאויסשפּרעכליכע ליידען גיבען דיר איין? דו דאַרפסט ווענינגסטענס זיי צו-וואַרפען אַ קופּערנע מינצע ווי יעדער אַנדערער. דאַכט זיך ווי לאַנג איז עס זינט דיר איז זייער לאַנגע פאַרגעקומען אַזוי לייכט און איצט ענטלויפסטו אום ניט מיט-צו-פיהלען מיט זיי ווען עס ווייזט זיך אַרויס אַז זייער לאַגע איז אַזאַ טרויעריגע?"

די לעקציאָן איז געווען אַ ביטערע! פעטער, בעשעמט און ער-ניעדעריגט האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. אַ מינוט שפּעטער האָט ער גענומען זיין שטעקען, איז צוגעקראָכען טאַפּענדיג צו די הילצערנע פּושקע און אַרויסנעהמענדיג זיין בייטעלע פון קעשינע האָט ער איהר אויסגעלעדיגט אין פּושקע אַריין.

איינינע פוסגעהער האָבען זיך אָבגעשטעלט בעטראַכטענדיג דעם בלינדען פיין-געקליידעטען פּאַניטש, ווי ער האָט געגעבען זיין נדבה צו די בעטלער אַלע אַזוי בלינד ווי ער אַליין.

מאַקסים האָט פון איהם אַן אויג ניט אַראָבגעלאָזען. יאָכים האָט אויסגעווישט אַ גרויסען טרער ביי זיך און האָט געזאָגט צום אַלטען:

— דאָס איז ניט שעהן פון אייך. ווי האָט איהר אַ האַרץ איהם אַזוי צו קווילען?"

דערווייל איז דער בלינדער צוריקגעקומען.

„איצט מוזען מיר געהן! אום גאָטעסווילען אַוועק פון דאַנען, פעטער!" — האָט ער געזאָגט.

קעמפפענדיג מיט'ן שטאַרקען ווינד, וועלכער האָט געהאַקט גראַדע אין פנים אַריין, זיינען אַלע דריי געגאַנגען צוריק אין שטאָדט.

VI

אויסגעהיילט!

דעם קומענדיגען מארגען איז דער יונגער מאן געלעגען א קראנקער אין בעט, אין א פיעבער. געגען אווענד האט ער גערעדט פון היץ. זיין געזיכט, געוואוינליך אזוי בלייך, איז איצט געוועזען רויט ווי בלוט און ער האט זיך ארומגעוואלגערט אויפ'ן קישען, הארבענדיג צו עטוואס, וועלבעס נור ער אליין האט געקענט הערען. פון צייט צו צייט האט ער פרובירט ארויסשפרינגען פון בעט און אנטלויפען און מי האט געמוזט אנווענדען געוואלט אום איהם צוריקצוהאלטען.

דער אלטער דאקטאר וועלכען מי האט געהאט אריינגערופען, האט אונטערזוכט דעם קראנקען'ס פולס, אונטערבורבלענדיג א פאאר ווערטער וועגען דעם ווינד. פעטער מאקסים האט געקארטשעט די ברעמען. ער האט ניט געגלויבט אז דער ווינד האט מיט דעם גאנצען עסק עטוואס א שייכות געהאט.

די קראנקהייט איז דערנאך געוועזען א זעהר ערנסטע און נור זיין יוגענד און זיין גוטגעבויטער קערפער האט פעטער'ן דורכגעטראגען א לעבענדיגען.

זיין העללען פריה-מארגען, צוויי וואכען נאכ'ן יאהר-מארק, האט זונענשטראהל זיך אריינגעגנב'עט אין צימער און האט בעלויכטעט פעטער'ס געזיכט.

„פערציעה דעם פארהאנג פון פענסטער, ווליא! — האט מאדאם פאפעלסקי געזאגט, — איך האב מורא דאס ליכט איז צו שטארק פיר איהם".

אבער אזוי גיך ווי עוועלינע האט זיך אויפגעהויבען צו געהן צום פענסטער האט זי דערהערט דעם קראנקענ'ס שטיממע:

„ניין, טוה דאס ניט. לאז ווי עס איז".

דאס זיינען געוועזען פעטערס ערשטע ווערטער זינט ער איז געלעגען אינ'ם פיעבער.

די ביידע פרויען האבען זיך איבער איהם איינגעבויגען מיט ענטציקונג.

„הערסטו מיך, מיין קינד? איך בין לעבען דיר", האָט די מוטטער געזאָגט.

— „איך הער, איך הער דיך", — האָט דער קראַנקער געענטפערט, גלייך נאָכהער פאַרזינקענדיג אין שטילשווייגען, אַזוי ווי אום צוזאַמענצונעהמען זיינע געדאַנקען. אַ רעכטע ווייל שפעטער האָט ער זיך פון דאָס נייע אָבגערופען: „אָה יאָ! און ווי שרעקליך דאָס איז!"

וועליאַ האָט צוגעלעגט איהר האַנד צו זיינע ליפפען, זאָגענדיג:

„רעד ניט. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט אַז דו זאָלסט זיין שטילל".

ער האָט אָנגענומען איהר האַנד און האָט זי בעדעקט מיט קושען. פון זיינע אויגען האָבען זיך געגאָסען טרערין, וועלכע ער האָט געלאָזען פליסען, פיהלענדיג אַז זיי האָבען איהם גוט געטאָן.

אין דיזעם אויגענבליק איז אַריינגעקומען דער אַלטער מאַקסים, און פעטער האָט גלייך דערקענט זיין טריט.

„דו האָסט מיר געגעבען אַ שרעקליכע לעקציאָן, אָבער איך וועל איהר קיינמאָל ניט פערגעסען".

אין עטליכע טעג אַרום איז ער אין גאַנצען געזונד געוואָרען און ווי עס איז פערגאַנגען אַ חודש נאָך אַ חודש האָט יעדער געזעהן אַז אין דעם יונגען מאַן איז ענטשטאַנדען אַ גרויסע פערענדערונג, און אַז ער איז אויסגעהיילט געוואָרען ניט נור פון היצקרייניג נור אויך פון ענאָאיומוס, ער האָט איצט געטראַכט אַהיים אַהער

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
O. R. S.

VII.

דער בלינדער זעהט

ווען עוועלינע האָט אָנגעצייגט איהרע עלטערן, אַז זי איז פעסט ענטשלאָסען זיך צו פערהייראַטען מיט'ן בלינדען, האָט זיך די מוטטער שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט. דער פאָטער, דאַגעגען, האָט פרום צונויפגעלעגט די הענד, ערקלערענדיג, אַז דאָס איז גאָטט'ס ווילען.

עס איז אויפֿגעשפּיעלט געוואָרען אַ חתונה.

אַ נייעס לעבען פֿול פֿון שטיללע, גליקליכע שטונדען האָט זיך אָנגעהויבען פֿאַר דעם יונגען מאַן, אָבער אפילו איצט איז זיין גליק ניט געוועזען גאַנץ פֿריי פֿון אויפֿרעגונג. ער האָט אין פֿרעהליכע אויגענבליקע געשמייכעלט, אָבער אין דיעזען שמייכעל האָט זיך געזעהן אַ טרויעריגער צווייפֿעל, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געוועזען זיכער, אַז זיין גליק וועט זיך האַלטען אויף לאַנג. און ווען ער האָט מיט דער צייט ערפֿאַהרען אַז ער וועט אין קורצען ווערן אַ פֿאָטער, האָט ער בעגעגענט דיעזע נאַכריכט מיט אַ האַהרען שרעק.

פֿון דעסטוועגען איז איצט זיין אויפֿרעגונג שוין ניט מעהר געוועזען אַ פּרובֿטלאָזע אַרט פֿון זיך אַליין גריזשענען. ער האָט אָפֿט געטראַכט וועגען אַנדערע, וואָס זייער אונגליק איז גרעסער ווי זיין אייגענער און זיין האַרץ האָט זיך אָפֿט צונויפֿגעדריקט, ווען אין זיינע אויערן האָבען ווידער אָבגעקלונגען די שרעקליכע שטיממען פֿון די בלינדע בעטלער.

אַט אַזוי איז זיך פֿערגאַנגען אַ חודש נאָך אַ חודש, ביז אין פּאָפּעלסקי׳ם הויז האָט זיך אָבגעשפּיעלט די פֿאָלגענדע סצענע:

אין דעם זעלביגען צימער, וואו פּעטער איז אַמאָל געבאָרען געוואָרען, העררשט אַ׳ן אונגעוועהנליכע שטיללקייט, וועלכע ווערט נור פֿון צייט צו צייט געשטערט דורך דעם געשריי פֿון אַ ניי-געבאָרענעם קינד. דאָס קינד — אַ יונגעלע — איז שוין עטליכע טעג אַלט און עוועלינע האָט זיך שוין גענומען פּאָפּראַווען, דער יונגער פֿאָטער איז דענענאָך זעהר מרה-שחורהדיג, ערוואַרטענדיג אַ גרויסען אונגליק.

און איצט נעהמט דער דאָקטאָר דאָס קינד, טראָגט איהם צו צום פֿענסטער, הויבט אויף די גאַרדינקע און לאָזט אויף דאָס קליין געזיכטעלע פֿאַלען אַ שטראַהל פֿון זונענשיין. דאַן נעהמט ער זיינע אינסטרומענטען און בייגט זיך איבער׳ן קינד. פּעטער שיינט ניט צו אַכטען אויף דעם, וואָס דער דאָקטאָר טוהט, ווי איינער, וועלכער איז איבערצייגט, אַז דאָ וועט שוין קיין זאַך ניט העלפֿען.

„ער איז געוויס בלינד — בורבעלט ער — ער האָט גאָר ניט געדאַרפֿט געבאָרען ווערן".

דער דאָקטאָר ענטפֿערט ניט און זעצט פֿאָרט זיין אונטערזוכונג. ענדליך לעגט ער אוועק דעם אָפּהטאַלמאָסקאָפּ, מיט וועלכען ער האָט בעטראַכט די אויגען, און איבער׳ן צימער הערט זיך זיין שטימע, וועלכע ערקלערט מיט אַ טאָן פֿון זיכערע איבערציינונג:

„דאָס קינד זעהט".

פעטער האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן און איז אויפֿגעשטאַנען. האָט ער געהערט וואָס דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט? יאַ, אָבער ער האָט ניט אין גאַנצען פֿערשטאַנען זיינע ווערטער.

ער האָט נעמליך ביז איצט כמעט זיך אַליין ניט געפֿיהלט, אָבער ער איז דעננאָך געוועזען אין אַ צושטאַנד פֿון אויפֿרעגונג און אונגעדולדיגע ערוואַרטונג.

די פֿינסטערנים, וועלכע האָט איהם אימער אַרומגערינגעלט, איז איהם איצט פֿאָרגעקומען ווי עטוואָס שרעקליכעס, וועלכעס רוקט זיך אַלץ נעהנטער צו דעם צימער, וואו זיין קינד ליגט, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער מוז עטוואָס טאָן אום צו פערטהיידיגען זיין קינד פֿון דיזען פֿינסטערן בייזען פֿיינד.

וועהרענד דער דאָקטאָר האָט געמאַכט זיינע פֿאָרבּרייטונגען, האָט פעטער זיך איינגעפֿונען אין דיזען שרעקליכען צושטאַנד. געשראָקען האָט ער זיך פֿריהער אויך, אָבער ער האָט נאָך געהאָפֿט, איצט אָבער איז פֿאַר איהם געוועזען יעדע האָפֿנונג פֿערלאָרען און זיינע נערווען זיינען געוועזען אָנגעשטרענגט אויפ׳ן העכסטען גראַד.

און מיט אַמאָל דיזע ווערטער, פֿון דעם דאָקטאָר: „דאָס קינד זעהט!" פעטער האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן ווי אַ שטייף אָנגעצויגענע סטרונע, וועלכע ווערט האַסטיג בעריהרט. דאָס איז פֿאַר דעם בלינדען געוועזען אַ בליץ-שטראַהל, וועלכער האָט אַזוי ווי אָנגעצונדען און בעלויכטען וואונדערבאַרע ערשיינונגען. זיינען דאָס געוועזען ליכט-שטראַהלען, אָדער איינפֿאַך טענער, האָט ער אַליין ניט געוואוסט. דאָס זיינען יעדענפֿאַלס געוועזען טענער, וועלכע האָבען אויפֿגעלעבט, האָבען אָנגענומען געוויסע געשטאַלטען און האָבען זיך בעוועגט ווי שטראַהלען. זיי האָבען געשיינט ווי דער בלויער הימעלגעוועלב; זיי האָבען

זיך בעיועגט ווי די זונן איבער'ן הימעל; זיי האָבען זיך געטרייסעלט ווי די צווייגען אויף די פערטראַכטע בוכהאָלץ-בוימער.

דאָס האָט געדויערט נור איניגע סעקונדען און שפּעטער האָט ער אַלעם פערגעסען, חוץ דיזעם ערשטען איינדרוק, און ער האָט אימער בעהויפּטעט אַז אין יענעם אויגענבליק האָט ער געזעהן. ווי פיעל מ׳י האָט איהם ניט ערקלערט אַז דאָס איז אונמעגליך, איז ער אימער געבליעבען ביי דעם זייניגען, בעהויפּטענדיג, אַז ער האָט דאַן געזעהן הימעל און ערד, די מוטטער, דעם פעטער, די פרוי...

האָט דאָס אין דער ווירקליכקייט געקענט פּאַסירען?

ווער וויים? ער געדענקט נור ווי דיזעס געהיימניס האָט זיך צו איהם אַראָבגעלאָזען און ווי עס איז ווידער פערשוואונדען געוואָרען.

ווען ער האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט פון דיזער בערוישונג האָט ער גענומען בעגרייפען אַללע די אַרומיגע שטיממען, וועלכע ער האָט געהערט.

„וואָס איז מיט דיר? — האָט די מוטטער איהם געפרעגט זעהר צוטראָגען.

— „גאָר נישט. . מיר דאַכט זיך, אַז איך . . . אַז איך האָב אייך אַלעמען געזעהן. איך בין דאָך אויפ'ן וואַהר, ניין?"

„און איצט? געדענקסטו, וועסטו געדענקען?"

דער בלינדער האָט אַרויסגעלאָזען אַ טיעפען זיפץ.

— „ניין, — האָט ער געענטפערט מיט אַ'ן אָנשטרענגונג — אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, ווייל . . . ווייל איך האָב אַלעם איבער-געגעבען איהם . . . דעם קינד".

עס האָבען זיך אַ ביסעל געטאָן זיינע קניע און ער האָט פער-לאָרען דאָס בעוואוסטזיין. זיין געזיכט איז בלייך געוואָרען, אָבער אויף דיזעם בלייכען פנים האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אַ פריידיגע צופריעדענהייט.

VIII.

דער בלינדער — א מוזיקאנט.

א צאהלרייכעס פובליקום האט זיך פערזאמעלט אין קיעוו אין דער צייט פון די „קאנטראקטען" (דעם יאהר-מארק) אום צו הערן אן אונגעוועהנליכען מוזיקאנט. ער איז געוועזען בלינד און מי האט געוואוסט אז ער האט אן אונגעהיירען טאלענט. עס איז קיין וואונדער ניט וואס דער זאאל איז געוועזען געפאקט און די איננאהמע גרויס, אבוואהל דאס פובליקום האט ניט געוואוסט אז דאס געהט אויף א וואהלטהעטיגען אונטערנעהמען. דער דירעקטאר פון דעם קאנצערט איז געוועזען אן אלטער מאן, וועלכער איז געגאנגען אויף קוליעס. די פובליקום האט געוואוסט, אז ער איז אנאהנטער קרוב פון דעם בלינדען קאנצערטיסט.

אין זאאל איז געווארען שטיל גענוג אום צו הערען א פליעג אין דער לופט, ווען אויף דער פלאטפארמע איז ערשיענען דער יונגער מאן מיט זיינע שעהנע גרויסע אויגען אויף א בלייכען געזיכט. קיינער וואלט איהם ניט געהאלטען פאר א בלינדען, ווען זיינע אויגען וואלטען ניט געבליעבען אונבעוועגליך און ווען איהם וואלט ניט געפיהרט פאר'ן האנד א יונגע בלאנדע דאמע, — זיין פרוי, ווי מען האט געזאגט.

„עס איז זיך ניטא איבער וואס צו וואונדערן — האט איינער אין פובליקום בעמערקט — וואס ער מאכט אזא גרויסען איינדרוק, ער האט א מערקווירדיג דראמאטישען פנים".

און זיין שפיעלען האט הארמאנירט מיט דעם איינדרוק, וועלכען זיין אנבליק האט אויף יעדען געמאכט.

אין זיד-רוסלאנד האט מען איבערהויפט זעהר ליעב די פאטער-לענדישע מעלאדיען, אבער אפילו דא, וואו דער גרעסטער טהייל פונ'ם פובליקום איז געוועזען א צוזאמענגעפאהרענער המון, האט די מוזיק פון דעם יונגען מאן גלייך פערכאפט דעם גאנצען עולם, דאס לעבעדיגע געפיהל פון די בעקאנטע היימישע נאטור איז דא געוועזען אויסגעדריקט אין מוזיק, גענומען דירעקט פון די פאלקסליעדער און

אויסגעארבעט אין א וואונדערבארע פערפאסונג, וועלכע האט זיך אזוי ווי אקארשט ארויסגעגאסען פון אונטער זיינע קונכטרייבע פינגער; זי איז געלאפען און האט זיך געגאסען רייך מיט פארבען, ווייך און מעלאדיש, דא זיך אויפהעבענדיג מיט א פייערליכען הימנען-געזאנג, דארטען צופליסענדיג מיט א ריהרענדען טרויעריגען ניגון.

ווען ער האט געענדיגט, האט א דונגער פון אפלאדיסמענטען זיך צושאטען איבער'ן גאנצען זאאל. דער בלינדער איז געזעסען מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ, א פערוואונדערטער זיך צו הארכענדיג צו דיזען אונבעקאנטען טומעל פון ענטהוזיאזמוס. אבער אזוי גיך ווי ער האט פון דאס נייע אויפגעהויבען זיינע הענד אויף די קלאווישען פונ'ם פיאנא, איז ווידער שטילל געווארען אין דעם גאנצען זאאל.

אין דיזעם אויגענבליק איז מאקסים אריינגעקומען אין זאאל. ער האט אויפמערקזאם בעטראכט די גאנצע מענשענמענגע, וועלכע איז געווען בעגייסטערט פון איין איינציגען געפיהל, מיט א הונגעריגען, געשפאנטען בליק געריכטעט צו דעם בלינדען קאנצערטיסט.

דער פעטער האט געוו[illegible]ט הארכענדיג. איהם האט זיך געדאכט, אז דיזע פריי פליסענדע מוזיק וועט זיך ווידער ענדיגען, ווי אמאל, מיט א מין מעלאנכאלישען פראגעצייכען, אויפדעקענדיג א נייעם וואונד אין דעם בלינדען'ס הארצען.

און וואס מעהר דער אלטער מאקסים האט געהארכט, האט ער אלץ מעוהר געהערט אין דער מוזיק בעקאנטע טענער. פלוצלינג איז איהם איינגעפאלען דאס הארץ: פון זיין פלעמעניק'ס האנד האט זיך דורך די אקארדען פון דעם פיאנא ארויסגעריסען א טיעפער זיפץ.

האט זיך ארויסגעריסען, האט א קלונג געטאן און איז אב־געשטארבען אין דער לופט.

אבער ניין! דאס איז איצט שוין ניט געוועזען א זיפץ פון פערזענליכע ליידען און ביי דעם אלטען אין די אויגען האבען זיך בעוויזען טרערין. און ניט אין זיינע אויגען אליין: די מוזיק האט אלעמען געריהרט.

א וואונדערבארע נאטע האט זיך צוגאסען איבער'ן זאאל. דער

אַלטער האָט אין איהר דערקענט דעם שרעקליכֿען געזאַנג פֿון די בלינדע בעטלער:

אַ נדבה פֿאַר די בלינדע,
אַ נדבה — גוטע לייט!

אַזוי ווי פֿון אַ דונערשלאַג זיינען אַלע הערצער געריהרט געוואָרען. דער איינדרוק איז געוועזען אַזוי אונגעהייער גרויס, אַז קיינער האָט זיך ניט געריהרט. אַללע זיינען געזעסען ווי בעצויבערטע, צו פֿיעל ערגריפֿען פֿון די מוזיק אפילו צו אַפּלאָדירען.

דער אַלטער האָט געטראַכֿט, טיעפֿער אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ.

„יאַ, איצט איז ער אַן ערוואַקסענער מענש. ער טראָגט ניט מעהר אין בוזים זיינע אייגענע ליידען, ער פֿיהלט און דריקט אויס דעם אונגליק פֿון זיינע מיטמענשען. ער וועט איצט קענען די גליקליכֿע ערמאַנערן אָן די אונגליקליכֿע".

און דער אַלטער סאָלדאַט האָט נאָך טיעפֿער אַראָבגעלאָזען זיין גרויען קאָפּ.

ער האָט זיין אַרבייט געהאַט אָבגעטאָן. ער האָט ניט אומזיסט געלעבט אויף דער וועלט. דאָס האָבען איהם געזאָגט די מעכֿטיגע טענער, וועלכֿע האָבען בעהערשט די גרויסע, בעצויבערטע מענשענמאַסע.

אָט אַזוי האָט געמאַכֿט זיינע ערשטע עפֿענטליכֿע ערשיינונג דער בלינדער מוזיקאַנט.

עֶנדֶע.

י. לידסקי
בוכהענדלער
אונד פערלעגער
װארשא, נאלעווקי 32

אין מיין בוכהאנדלונג איז צובעקומען ביכער פון היזיגע אונד אויסלענדישע אויסגאבען
דער גרעסטער אויסוואהל
פון זשארגאנישע, וויסענשאפטליכע אונד בעללעטריסטישע ביכער.
הויפט־אגענט פון אללע אמעריקאנישע אונד ענגלישע אויסגאבען, אללע סארטען לעהר ביכער, מעטאדעס צו ערלערנען העבראיש, רוסיש, דייטש, ענגליש פראנצייז אונד שפאניש. אידישע נאטען (מוזיק) פיר פיאנא אונד פידעל, פון די
פאפולערסטע אידישע אפעראס און סקארבאווע נגונים.
פיללע סארטען טהעאטער שטיקע אונד פאלקס ליעדער.
פערשיעדענע סארטען אידישע בילדער אונד אנזיכטען.
פיעלע נייע מוסטערן אנזיכטס פאסט-קארטען שאנסטער אינהאלט, צו בילליגסטען פרייז. אייניגע סארטען יודישע אלבומס. א גרויסער אויסוואהל פון ווינש קארטען פון 50 קאפ׳ פיר 100 שטיק ביז 75 קאפ׳ א שטיק.
אויך קען מען ביי מיר בעקומען אלעס וואס אנבעלאנגט צום ספרים געשעפט.
אלעס צוא דיא בילליגסטע פרייזען.

☛ בעשטעלונגען ווערען רעיעל און פינקטליך ערפילט. ☚

א קאטאלאג פון זשארגאנישע ביכער ווערט אויף פערלאנג פריי געשיקט.

Книжный магазинъ Я. К. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 32.

אונטער דיעזען טיטעל ערשיינט א סעריע פון וויססענשאפטליכע, קולטורהיסטארישע און בעלעטריסטישע ביכער, ארגינאלע און איבערזעצונגען.

ביז יעצט איז ארויס פון דרוק

I	**שטיינער וואס פאלען פון הימעל** פון ב. פייגענבוים	10 ק׳.
II	**געשיכטע דער מענשליכער ענטוויקלונג** (קולטור געשיכטע) בעארבייט דורך א. ברעסלער	25 „
III	**דער בלינדער מוזיקאנט** פון וו. קאראלענקא	35 „
IV	**דארוויניזמוס** פון ב. פייגענבוים	10 „
V	**וועמעס גלויבען איז בעסער?** פון ל. טאלסטאי איבערזעצט פון ה. וויכנין	5 „
VI	**צייט ליעדער** פון אברהם רייזען	20 „
VII	**די געפאלענע פרוי** פון וו. גארשין איבערזעצט פון ה. וויכנין	10 „
VIII	**יוסף פערל** זיין ווירקען און ליטעראַרישע ארבייט פון א. ברעסלער	10 „
IX	**ב. פרענקלינס לעבענס בעשרייבונג** און דיא בעפרייאונג פון אמעריקא איבערזעצט פון ש. ל. הורוויץ	20 „
X	**געשיכטע פון ציוויליזאציאן אין ענגלאנד** פון באקל קורץ פאפולירזירט דורך א. ברעסלער	20 „
XI	**ווי לעבען די חיות?** פון נ. רובאקין	40 „
XII	**פלאנצען לעבען** (באטאניק) נאך קוראטשקין	30 „
XIII	**סאקראטעס** דער גריכישער פילאזאף	20 „
XIV	**דונער און בליץ** פון וו. לונקעוויץ	15 „
XV	**עקאנאמישע לעהרע** נאך באגדאנאוו. בעארבייטעט דורך א. ש. זאקס	25 „
XVI	**ערציילונגען און בילדער** פון אברהם רייזען	25 „
XVII	**ערציילונגען** פון מאקסים גארקי	15 „
XVIII	**וואהין גייען מיר** פון א. יצחקי.	3 „
XIX	**אין א שלעכטער צייט.** בילדער און ערציילונגען פון ש. אש	30 „
XX	**די שקלאפעריי.** נאך באגדאנאוו. בעארבייטעט דורך א. ש. זאקס	15 „
XXI	**די לעצטע ערפינדונגען.** נאך רובאקין. בעארבייטעט פון ה. וויכנין.	10 „
XXII	**ליעדער פון לעבען** פון א. רייזען.	30 „

אדרעססע

Книжная торговля Я. К. ЛИДСКАГО, Варшава, Налевки 32.